# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Yidn in Poyln

**Bałaban, Majer**
**באלאבאן, מאיר**

**Ṿilne, 1930**

II. פון אַלטע קהלות

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275**

Visual Library

# II. פון אַלטע קהלות

# צוויי קהלות אין איין שטאָט

## (אַ קאַפּיטל פֿון דער געשיכטע פון לעמבערג)

### 1. די שפּאַלטונג

אַ קינד בין איך נאָך געווען און איך האָב מיך תמיד געוווּנדערט וואָס מ׳רופט מיין קוזין: אַ שטעטישער. אָנפאַנגס האָב איך געמיינט, אַז ער הייסט אַזוי, ווי איך בין אָבער שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט לאַנדוי, האָב איך דעם ענין שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען. אין חדר האָב איך אַמאָל געהערט פון אַ חבר, אַז אין „שטאָט" דאַוונט ברוך שור מיט זיין פיינער מקהלה און עטלעכע יינגלעך האָבן מיר דערציילט, אַז זיי גייען שבת אין שטאָט אַריין הערן דעם דאָזיקן חזן. אַן אַנדער מאָל האָט מען דערציילט ביי אונז אינדערהיים, אַז אַ קרוב אונזערער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פריילין, וואָס איז זייער פיין און באַלעבאַטיש, נאָר איין חסרון האָט זי, זי איז אַ... שטעטישע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט שטעטיש באַטייט עפּעס אַ גוואַלטיקן פעלער, אַ מינדערווערדיקייט, און איך האָב מיר פאָרגענומען חוקר-ודורש צו זיין, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין ענין.

איך האָב נישט באַדאַרפט לאַנג צו וואַרטן, וואָרים אַמאָל אין סאַמע ערב-שבועות האָט מיר געזאָגט דער זיידע מיינער: „מאירטשע, קום, מיר וועלן גיין אין שטאָט אַריין אין דער אַלטער שול, ווייל היינט איז די יאָרצייט פון די קדושים: ר׳ חיים און ר׳ יהושע רייצעס, וואָס מ׳האָט זיי פאַרברענט אויפן מאַרק פאַר אַן ערך פון צוויי הונדערט יאָר". דאָ האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און באַוואָרפן דעם זיידן מיט אַזוי פיל קשיות, אַז ער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו ענטפערן: וואָס הייסט דאָס שטאָט, מיר וווינען דאָך אין

שטאָט לעמבערג, און וואָס פאַר איין שטאָט אַריין גייען מיר? ווו איז די אַלטע שול? ווער איז ברוך שור און ווו דאַוונט ער מיט זיין מקהלה וכו׳ וכו׳? דער זיידע איז נישט געווען געלוינט מיר צו ענטפערן אויף די קשיות און האָט מיר נאָר אַזוי פיל געזאָגט: מאירטשע מיין קינד, אין לעמבערג איז פאַראַן צוויי קהלות: אַ שטעטישע און אַ פאָרשטעטישע, אין אַיעדערער פון זיי איז דאָ אַן אייגענע שול מיט אַן אייגענעם רב און אַן אייגענעם חזן. אַזוי איז ביי אונז אין פאָרשטאָט דער רב ר׳ הערש אָרנשטיין און זיי אין שטאָט האָבן נאָר אַ מגיד, ביי אונז אין שול דאַוונט דער באַוווסטער חזן ר׳ אהרן-שלום און זיי האָבן עפּעס אַ ברוך שור. „יאָ, — האָב איך אַ זאָג געטון — דו זאָגסט, זיידע, עפּעס אַ ברוך שור און ביי אונז אין חדר זאָגן די קינדער, אַז אהרן-שלום מעג ביי אים הייצן אין דער גרובע!“ דער זיידע איז געוואָרן אָנגעצונדן, ער איז אויף איינמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר פלוצלינג האָט ער געטון אַ זאָג: „דאָס קאָנען נאָר זאָגן טיפּשים, שטעטישע נאַראָנים!“ און ער האָט געטון אַ זיפץ, אַז איך האָב שוין געהאַט גרויס חרטה אויף וואָס איך האָב געזאָגט אַזאַ „מיאוסע“ זאַך.

מיר זענען געגאַנגען אין שטאָט אַריין, געגאַנגען דורך פאַרשידענע גאַסן, געזען אַסך שיינע יידישע געוועלבער, געקומען אין דער „אַלטער שול“, געטראָפן יידן, גאַנץ ענלעך צו אַלע אַנדערע יידן, געדאַוונט מנחה בציבור און נישט געזען קיין חילוק צווישן שטאָט און פאָרשטאָט. און דאָך האָט געהערשט צווישן די צוויי „קהלות“ אַ שפּאַלטונג גאָר אַ גרויסע, אַן אָפּגרונט, וואָס איז נאָך ביז היינט נישט צוגעשיט, אַ מין קעגנזאץ אין גאַנצן לעבן, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן אויף יעדן שריט און טריט. „וואָס קאָנסט דו פון איר פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל האָבן שכל, אַז זי איז אַ שטעטישע“ — האָט געזאָגט אונזער שכנטע צו איר דינסטמיידל. „שמוציקער קאָכצשיק“ איז געווען דער צונאָמען פון די פאָרשטעטישע מיידלעך, ווען זיי האָבן געוואַגט זיך צו פאַר-דינגען ביי אַ שטעטישע באַלעבאָסטע. צוויי קהלות זענען אַמאָל געווען אין לעמבערג, און כאָטש די טיילונג האָט זייט הונדערט יאָר אין גענצן נישט מער עקזיסטירט, אין לעבן איז זי געבליבן כמעט ביז צום היינטיקן טאָג.

## 2. פון וואַנען קומען עפּעס צוויי קהלות און וועלכע איז געווען עלטער?

מזרח-גאַליציע איז אַמאָל געווען אַ פירשטנטום פאַר זיך און איר הויפּט-שטאָט איז קודם געווען האַליטש און שפּעטער לעמבערג. רוסישע פירשטן האָבן דאָ געקעניגט און זייער שלאָס איז געשטאַנען אויף די היינטיקע שקאַרפּען, דאָרט ווו דער באַרג לאָזט זיך אַראָפּ צום סטאַרי רינעק און ווו ס'שטייט היינט דער טעמפּל. דער נאָמען „אַלטער מאַרק" ווייזט בולט, אַז דאָ איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דעם רוסישן לעמבערג. אַהער האָט אויך געפירט די וויכטיקסטע גאַס — היינט אוליצאַ זשולקעווסקאַ — מיט אירע אַלטע צערקוועס. פון דעם הייליקן ניקאָלאַי, די הייליקע פּאַראַסצעוויע א. אַז. וו.

און ווו האָבן געוווינט די יידן? אָט דאָרט ווו ס'שניידט זיך די היינטיקע זשולקווער גאַס מיט דער שול-גאַס (באָזשניטשנאַ) איז געגאַנגען די באַך און אַ בריק האָט פאַרבונדן ביידע טיילן פון דער שטאָט. פון יענער זייט באַך האָבן געוווינט יידן ביז צו דער היינטיקער באַך, ווו ס'האָבן געקלאַפּט עטלעכע מילן, און ביז צום הינטספּלאַץ, ווו דער תּליון האָט אויסגעפירט זיינע עקזעקוציעס און ווי די געהאָנגענע פלעגן צו הענגען אויף די תּליות ביז דאָס פלייש איז זיי אויסגעטרוקנט געוואָרן אויף זייערע ביינער. און נאָך דעם הינטספּלאַץ, ווייט, ווייט איבער זומפּן און טייכן איז געווען (און איז נאָך ביז היינט) דער עלטסטער יידישער בית-עולם, וואָס ווערט דערמאָנט אין די אַקטן שוין אין דעם יאָר 1411 און ווו מ'האָט מקבר געווען די לעמבערגער יידן און קאַראַימעס ביז צו דער גרויסער כאָלערע אין דעם יאָר 1855. ערשט דאַן האָט דער מאַגיסטראַט פאַרמאַכט דעם דאָזיקן בית-עולם און געעפנט אויף דעם יאַנאָווער דעם היינטיקן נייעם בית-עולם.

ווער זענען געווען די יידן אין עלטסטן לעמבערג, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געפירט, דעריבער שווייגן אַלע היסטאָרישע מקורות, גלייך ווי זיי זאָגן גאָרנישט וועגן דער שטאָט אַליין. דאָס איינע איז זיכער, אַז בשעת דער פוילישער מלך קאַזימיר דער גרויסער האָט בדרך ירושה איבערגענומען די שטאָט (1340) זענען דאָרט געווען יידן. אין דעם יאָר 1350 איז אָבער גאַנץ לעמבערג

אָפּגעבּרענט געוואָרן, אַזוי ווייט, אַז די איינוווינער זענען געווען בדעה איבערצולאָזן די שטאָט און זוכן זיך אַן אַנדער אָרט. דעמאָלט האָט דער מלך געלאָזט אויסהאַקן אַ גרויסן וואַלד, וואָס האָט באַדעקט דעם שטח פון דער היינטיקער שטאָט און אויף דעם נייעם פּלאַץ האָט ער געלאָזט אויפשטעלן די מויערן, וואָס האָבן אַן ערך פון 400 יאָר פאַרשלאָסן די שטאָט און זי אָפּגעהיט פאַר דעם שונא אין יענע פינצטערע צייטן. די מויערן האָבן געבילדעט אַ פיר-עק אַרומגערינגלט מיט די היינטיקע גאַסן: העטמאַנסקאַ, סאָביעסקיעגאָ (נייע גאַס) פּאָדוואַלע און סקאַרבּקאָווסקאַ (אונטערע אָרמיענער גאַס) און אַרום די מויערן האָבן זיך געצויגן וואַלעס, וואָס זענען נאָך צו טייל געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג. אין דער דאָזיקער נייער שטאָט האָבן זיך אַריינגעצויגן אַלע לעמבערגער „נאַציאָנען“, ווי די דייטשן, די רוטענער, די אָרמיענער, די טאַטאַרן, און אַיעדע האָט פאַרנומען אַן אייגענע גאַס, נאָר די דייטשן האָבן באַזעצט דעם מאַרק און האָבן איבערגענומען אין שטאָט די מלוכה, און אויך יידן זענען אַריין אין שטאָט און האָבן באַקומען אַן אייגענע גאַס אין דרום-מזרח און האָבען דאָ — אין סאַמע עק פון דער שטאָט, ביי דער מויער (היינט עק באָימוּוו און סאָביעסקי גאַס) אויפגעשטעלט זייער שול. דער גרעסערער טייל פון דער קהלה איז אָבער געבליבן מחוץ לעיר און אַזוי האָבן זיך געמאַכט צוויי באַזונדערע קהלות: ק״ק בתוך לעיר און קהלה קדושה מחוץ לעיר. אַיעדע האָט געהאַט אירע אייגענע שולן און בתי-מדרשים, אייגענע רבנים, דיינים, חזנים, שוחטים, שתדלנים וכו׳, און נאָר דער טויט האָט זיי פאַראייניקט, ווייל זיי האָבן געהאַט נאָר איין בשותּפותדיקן בית-עולם.

## 3. די שטאָט

רוסישע יידן האָבן געוווינט אין אַלטן רוסישן לעמבערג און דייטשע יידן זענען צוגעקומען אין דער שטאָט אַריין נאָך דער גרויסער שרפה. מיר דערקענען דאָס אָן די פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט און באַקומען פון דעם פּוילישן מלך און נאָך זייער גאַנצער פירונג. די יידישע גאַס איז פון אָנפאַנג געווען באַקוועם, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך אויסגעפילט ביז אויף דעם לעצטן פלעק.

יידן האָבן אויסגעקויפט אַלע גוייִשע פּלעצער און האָבן אויפגעשטעלט שטיינערנע און האָלצערנע הייזער. דעם צענטער פון דער קהלה האָט געבילדעט די שול, אַ קליינער בנין פאַר 20 מנינים יידן און אַנטקעגן איר דאָס בית-המדרש, די שחט-יאַטקע, דאָס שוויץ-באָד וכו׳.

ס׳איז אָבער נישט געווען באַשערט די יידן צו זיצן בשלוה, אַחוץ פראָצעסן מיט דעם מאַגיסטראַט בנוגע האַנדל און מלאכה, האָט אַלע פּאָר יאָר אַ שרפה אומגליקלעך געמאַכט כמעט אַ האַלבע שטאָט. אין דעם יאָר 1521 איז גאַנץ לעמבערג אָפּגעברענט געוואָרן און קוים האָט זיך די שטאָט צוריק אויפגעבויט, איז אין דעם יאָר 1571 אַ נייע שרפה אויסגעבראָכן אין דער יידישער גאַס און געמאַכט אַלע הייזער צו שטויב און אַש. דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט ערלויבט די הייזער צוריק אויפצושטעלן, אָבער נאָר פון ציגל און שטיין און נישט פון האָלץ. דער דאָזיקער באַפעל פון מלך ווי אויך אַ נייע רעגולאַציע פון דער יידישער גאַס האָט געגעבן דער גאַס אַ ניי פּנים, שיינע הייזער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן און צווישן זיי אַ נייע שול, גרעסער און שענער פון דער אַלטער. ר׳ יצחק בן נחמן האָט געהייסן דער ייד, וואָס האָט געקויפט ביים מאַגיסטראַט דעם פּלאַץ (היינט בלאַכאַרסקאַ 27) און אויף אים אויפגעשטעלט אַ שול און אַ וווין-הויז. די שול האָט געבויט דער איטאַליענישער בוי-מייסטער פּאַאָלאָ ראָמאַנאָ פון טשיאַמוט אין שפּעטגאָטישן סטיל, און דער פּרט, וואָס איז נאָך היינט צו זען אין סאַמע צענטער פון דער סקלעפּיעניע — „ויקרא בשם״ — ווייזט, אַז דער בוי איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דעם יאָר 1582.

די דאָזיקע שיינע שול, וואָס ווערט אָנגערופן „טורי-זהב-שול״, אָדער די שול פון דער „גילדענער רויזע״, איז היינט די דריט עלטסטע אין פוילן *) און האָט אַ לאַנגע און אינטערעסאַנטע געשיכטע. אין דעם יאָר 1602 האָבן אָנגעהויבן די יעזויטן אין לעמבערג צו זוכן אַ פּלאַץ צו בויען אַ קירכע און אַ קלויסטער, און ווייל דער מאַגיסטראַט האָט זיי נישט געוואָלט שענקען אַ פּלאַץ אין שטאָט, האָבן

*) די עלטסטע צוויי שולן זענען פאַראַן אין קראָקע: די אַלטע שול פון דעם XI־ן יאָרהונדערט און די רמ״א-שול פון דעם יאָר 1557.

זײ געמסרט בײם קעניג, אַז דער פּלאַץ, וואָס די יידן האָבן אויף אים געשטעלט זייער שול, געהערט צום קעניג און אַז דער מאַגיסטראַט האָט אים נישט געטאָרט פאַרקויפן ר׳ יצחקן. אויך האָט ר׳ יצחק נישט געטאָרט בויען די שול, נישט האָבנדיק דערויף אַן ערלויבניש פון דעם פויפּסט. דאָס מסירהלע האָט געכאַפּט פייער און דער קעניג זיגמונט דער דריטער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל דעם ענין אויס־פאָרשן. די מעשה האָט געדויערט עטלעכע יאָר, האָט פּאַסירט אַסך אינסטאַנצן, געקאָסט אַסך געלט, און געענדיקט זיך פאַר יידן גאָר שלעכט. די לעצטע אינסטאַנץ האָט צוגעפּסקנט דעם פּלאַץ מיט די בנינים די יעזויטן, און אַם 28 פעברואַר 1606 האָבן זײ מיט גרויס פאַראַד איבערגענומען די שול און אויף דעם שפּיץ דאַך אויפגעשטעלט אַ צלם. די יידן זענען געווען פאַרצווייפלט, די פּרנסים פון דער קהלה און בפרט די זין פון דעם גרינדער פון דער שול — ר׳ מרדכי און ר׳ נחמן בני ר׳ יצחק — האָבן זיך געראַנגלט אויף גלייכע ווענט, כדי די שול צוריק צו באַקומען. צומייסטן האָט זיך משתדל געווען די פרוי ר׳ נחמנס מיט דעם נאָמען רויזע, אַן אשה צנועה און אַ באַ־ווּסטע שיינהייט, און אַדאַנק אַלע השתדלותן איז נאָך דריי יאָר געלונגען די שול צוריקצובאַקומען. שבת נאָך פורים שנת שפ״ט (1609) האָט מען מיט גרויס שמחה צוריק מחדש געווען די שול און דער שטאָט־חזן האָט געזונגען אַ שיר, ספּעציעל אָנגעשריבן צו דער פייערונג פון ר׳ יצחק הלוי, אַן עלטערן ברודער פון דעם „טורי־זהב״. אין דעם זכרון פון דעם לעמבערגער עולם איז געבליבן ביז צום היינ־טיקן טאָג דאָס פאַרדינסט פון דער „גילדענער רויזע״, וואָס האָט זיך „מקריב״ געווען פאַר דער שול. פרומע ווייבער צינדן ביז היינט אָן ליכט אויף איר קבר אויף דעם אַלטן בית־עולם.

## 4. די פאָרשטאָט

אין עק פון דער יידישער גאַס איז געווען אַ טויער, וואָס מ׳האָט אים יעדן אָוונט פאַרמאַכט. אויך שבת, יום־טוב און גוייִשע חגאות איז דער טויער געווען פאַרשלאָסן פון ביידע זייטן און קיינער האָט נישט געקאָנט נישט אַריין און נישט אַרויס. אינעווייניק איז געווען

זיכער אָבער טרויעריק, די הויכע הייזער און די ענגע גאַס מיט אירע נאָך ענגערע געסלעך און פינצטערע הויפן האָט געוואָרפן אַ מרה־שחורה אויף אַיעדן, וואָס איז אַרייגגעקומען. זון און לופט זענען דאָ געווען גאָר זעלטענע געסט און מגפות האָבן אין דער „גאַס" געהערשט יאָרן לאַנג. צוויי מאָל אין יאָר האָט מען די „גאַס" גערייניקט. קיין וווּנדער, אַז אין „רחוב היהודים" זענען געלעגן בערג מיסט, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַן שרעקלעכן אַויר. גאַנץ אַנדערש האָט מען געלעבט אין פּאָרשטאָט, מחוץ לחומה, פאַר דעם קראָקעווער טויער („פאַרן טויער") האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע גאַס — דער וואַרשעווער טראַקט *), וואָס האָט געפירט איבער זשולקעוו, לובלין נאָך וואַרשע. דער יידישער עולם האָט געוווינט גאַנץ נאָענט ביים טויער און די גרויסע שול איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער שטאָט־מויער — דאָרט ווו ס'שטייט היינט דער באַזאַר אויף דעם פּלאַץ קראַקאָווסקי **). אין דעם יאָר 1624 איז אָבער די שול מיט אַ טייל יידישע הייזער אָפּגעברענט געוואָרן און דער מאַגיסטראַט האָט ערלויבט צו בויען אַ נייע שול נאָר אונטער דעם באַדינג, אַז מ'וועט זי ווייט אַוועקרוקן פון די שטאָט־מויערן. ויהי כן. אין דעם יאָר 1632 האָט די קהלה אויפגעשטעלט אַ נייע גרויסע שול אין „דעם טאָל פון דעם פּויזנער הויף". דאָס איז דאָרט, ווו זי שטייט היינט, און אַרום איר האָט זיך גאָר געשווינד באַזעצט די גאַנצע קהלה, אַזוי ווייט, אַז יידישע הייזער און יידישע גאַסן האָבן אַרומגערינגלט די שול ווי קינדער זייער מאַמען. און די שול איז באמת געווען אַ מוטער צו די קינדער, אין אירע מויערן האָבן די פּאָרשטעטישע יידן זיך פאַרזאַמלט דריי מאָל אין טאָג, דאָ האָבן זיי אויסגעגאָסן זייער האַרץ פאַר דעם בורא עולם, דאָ האָבן זיי זיך געפרייט און דאָ געטרויערט און דאָ געזוכט שוץ אין די שווערע צייטן. ווייל די שול איז געווען אַ פעסטונג מיט שטאַרקע מויערן און מיט אַ פלאַכן דאַך ווו מ'האָט געקאָנט אַרויפשטעלן האַרמאַטן און פון וואַנען מ'האָט מיט ביקסן אַראָפּגעשאָסן אויף דעם שונא. און שונאים האָט געהאַט די „פאָרשטאָט" אָן אַ שיעור: בעל־מלאכה־שקצים

*) היינט די זשולקעווער גאַס.

**) דעם באַזאַר האָט מען אויפגעשטעלט ערשט אין דעם יאָר 1876.

מיט שטיינער, שיכּורע גויִם און ווילדע פּריצים, וואָס זענען נישט איינמאָל מיט זייערע דינער און היידוקן אַריינגעפאַלן אין „פאָרשטאָט“ און געשלאָגן אָן רחמנות אַלע יידן, מענער, ווייבער און קינדער. אַממײנסטן האָבן אָבער דערקוטשעט סטודענטן און שילער, איבער־פאַלנדיק די גאַס בייטאָג און ביינאַכט. פאַר דעם שילערגעלויף האָבן מורא געהאַט יידן ווי פאַר אַ פייער און האָבן געצאָלט די דירעקטאָרן און גלחים ממון קורח, כּדי זיי זאָלן איינהאַלטן זייערע תּלמידים. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן און וואָס שפּעטער אין דעם XVII יאָרהונדערט, זענען די שילערגעלויפן געוואָרן וואָס מער גוואַלטיק, וואָס מער בלוטיק, ביז ס'איז געקומען אין דעם יאָר 1664 צו אַ קאַטאַסטראָפע. די פאָרשטעטישע יידן האָבן שוין געהאַט פון אַ צייט באַמערקט, אַז ס'גרייט זיך אַ שילערגעלויף, און האָבן אָרגאַניזירט אַ שמירה פון יונגעלייט, וואָס זענען טאָג און נאַכט מיט ביקסן און שווערדן געשטאַנען אויף דער וואַך. די שמירה האָט אָבער נאָך מער צערייצט דעם עולם. נאָך אַ קליינעם פּאָגראָם דעם 3טן מאַי, האָט זיך דעם 12טן יוני 1664 אָנגעהויבן אַן אמתע שלאַכט אין וועלכער מ'האָט די יידישע יונגעלייט סיי פאַרטריבן, סיי געהרגעט, און דער ווילדער עולם איז אַריין אין „שטאָט“, כּדי זיך אָפּצורעכענען אויך מיט די שטעטישע יידן. וויסנדיק וואָס ס'טוט זיך אין פאָרשטאָט, האָבן די ראשי הקהל אין שטאָט געלאָזט פאַרמאַכן זייער טויער און אַנידערגעשטעלט יונגעלייט מיט ביקסן אויף דער וואַך. דער פּרנס החודש איז דורך אַן אונטערוועג געלאָפן צו דעם סופּעריאָר פון די יעזויטן און אים מיט טרערן אין די אויגן געבעטן רחמים. דער גלח האָט געהאַט רחמנות און איז צוגע־גאַנגען צו דעם יידישן טויער, כּדי אַוועקצוטרייבן די שילער, וואָס האָבן שוין מיט העק און דשאַגאַנעס אין אים געהאַקט. דער עולם, דערזעענדיק דעם גלח, האָט זיך אויף אַ ווײלע באַרויִקט, באַלד אָבער זענען די שקצים געפאַלן אויף אַ המצאה, אַריינגעגאַנגען אין די שכנותדיקע הייזער און איבער די דעכער זיך אַריינגעכאַפּט אין דער יידישער גאַס. אין דער גאַס איז געוואָרן אַ מהומה. דער עולם איז אַריין אין די הייזער און פאַרמאַכט די לאָדנס. די סטודענטן מיט די בעל־מלאכות זענען זיי נאָך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגלמעסיקע שחיטה. אַמגוואַלטיקסטן איז געווען דער שטורעם אַרום דער „טורי־זהב־שול“. די סטודענטן זענען

אַריין אין הויף און האָבן אָנגעהויבן צו שטורמען די שול. פון אינעווייניק האָט מען זיי באַגריסט מיט אַ האָגל פון קוילן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי פוןביידע זייטן און באַלד איז דער טויער געווען אויסגעבראָכן און די מערדער זענען ווי ווילדע חיות אַריין אין שול אַריין. נישט איינער פון די פאַרטיידיקער איז געבליבן לעבן. צווישן די 102 יידישע מתים זענען אויך געלעגן צוויי זון פון דעם „טורי זהב" מיט צעשפּאָלטענע שאַרבנס און מיט ביקסן אין די פאַרגליווערטע הענט. אויף דעם אַלטן יידישן בית-עולם שטייען ביז היינט איבער הונדערט מצבות פון די קדושים פון יענע שרעקלעכע טעג (ה' אייר – י"ב סיון) און אויף אַיעדער לייענען מיר די ווערטער: מת במיתה חמורה... ונשפך דמו כדם פר. און צום סוף די קללה: ה' ינקום דמו.

## 5. ברידער אין צרות און לייד

דאָס שילערגעלויף פון שנת תכ"ד 1664 איז געווען שרעקלעך און זיין גרויזאַמקייט האָבן באַקומען צו שפּירן ביידע קהלות. דאָס האָט אויף אַ וויַיל פאַרשיט דעם אָפּגרונט צווישן די שוועסטער-געמיינדן און דערנענטערט די שטאָט צו דער פאָרשטאָט, אָבער די צרה איז געווען אַ הבל קעגן אַנדערע, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ק"ק מחוץ לעיר און זיך אַריבערגעטראָגן אין שטאָט אַריין. שבועות שנת ת"ח (1648) איז געקומען קיין לעמבערג די שרעקלעכע ידיעה, אַז ווייט אין די מזרח-קאַנטן פון דער פוילישער מלוכה האָבן די קאָזאַקן מורד במלכות געווען, זיך פאַרבונדן מיט טאַטאַרן און גייען איבער שטעט און שטעטלעך, שחטן יידן און צינדן אונטער די שטעט. די נאַכריכטן זענען געווען אַלעמאָל שרעקלעכער און באַלד האָבן זיך באַוויזן ·צופוס און אויף וועגן יידן מיט ווייבער און קינדער, קרוע ובלוא און האָבן דערציילט מעשים, וואָס די האָר האָבן זיך געשטעלט צו בערג. אין שטאָט אַריין האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט, ווייל דאָרט איז געווען סיי-ווי-סיי ענג און דער מאַגיסטראַט האָט מורא געהאַט פאַר אַ מגפה. אָבער אין פאָרשטאָט האָט מען זיי אויפגענומען מיט אָפענע הענט, געקליידט און געשפּייזט און אַריינגענומען אין די שטובן, די צאָל פון די פליכטלינגע איז אָבער מיט יעדן טאָג געוואָקסן און

באַלד האָט מען געזען פונדערווייטנס פלאַמען פון ברענענדיקע שטעט און שטעטלעך. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער שונא איז שוין נישט ווייט. און די שרפות האָבן זיך אַלע מאָל דערנענטערט און באַלד האָבן זיך אויף די שכנותדיקע בערג באַוויזן קאָזאַקן און טאַטאַרן און האָבן אָנגעהויבן צו שיסן אויף דער פאָרשטאָט. ס׳איז געווען ראש-השנה-צייט. דער פאָרשטעטישער עולם האָט געזען, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער אַריבערגעטראָגן די סחורות און חפצים אין שטאָט אַריין, ווי מעגלעך אַהין געשיקט צו קרובים און פריינד די ווייבער און קינדער און די מענער אַליין האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן זייערע הייזער און בתי-מדרשים. די שול האָט מען צוגעגרייט ווי אַ פעסטונג און פון דעם דאַך געשאָסן פון האַרמאַטן. דער בירגערמייסטער פון לעמבערג מאַרטין גראָסווייער האָט אָבער געזען, אַז ס׳איז אוממעגלעך די פאָרשטאָט צו דערהאַלטן און, נישט וועלנדיק דעם שונא איבערלאָזן די הייזער, שולן און קירכן, האָט ער אַריינגענומען דעם גאַנצן עולם אין שטאָט אַריין און די גאַנצע פאָרשטאָט געלאָזט אונטערצינדן און פאַרברענען. מיט שמערץ און שרעק האָבן די פאָרשטעטישע יידן געקוקט פון די שטאָט-מויערן אויף זייער אומגליק און ווי זיי האָבן געזען ווי די שרפה נעמט אַרום דעם דאַך פון דער שול, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ יללה, אַז די שטאָט האָט מיט זיי געהילעכט.

קוים זענען די פלאַמען פאַרלאָשן געוואָרן זענען די פאָרשטעטישע יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער יידישער גאַס, וווּ ס׳איז געוואָרן אַזוי ענג, אַז ס׳איז כּמעט נישט געווען קיין פלאַץ צו שטיין, אין די הייזער זענען שוין געווען איבערפולט און אַזוי האָבן אַן ערך צען טויזנט יידן געמוזט ליגן אין די הייף און סתם אין די גאַסן אין בלאָטע און קעלט — ס׳איז דאָך געווען דער חודש חשון.

די מאָס פון צרות איז אָבער נאָך נישט געווען פול. נאָך אַ חודש צייט האָט כמיעלניצקי אָנגעהויבן מיט דער אומגליקלעכער אויסגעהונגערטער שטאָט צו פאַרהאַנדלען. ער האָט פון דעם מאַגיסטראַט פאַרלאַנגט 200,000 רענדלעך און „אַחוץ דעם די אויסליפערונג פון אַלע יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער. ווי די שתדלנים זענען צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין מיט דער בשורה, איז געוואָרן אין „דער גאַס" תשעה באב. די יללה איז געגאַנגען עד לב

טאָוול 13.



17. איין זייט פון דער יידישער גאס אין לעמבערג (בלאַכאַרסקאַ נ"ר 17—31) איידער מען האָט אלע די הייזער צענומען אין דעם יאָר 1907. געצייכנט פון פראַנציסעק קאָוואַלישין פאַר מיין בוך: „דזיעלניצאַ זשידאָווסקאַ".



18. די טורי־זהב־שול אין לעמבערג, געבויט אין יאָר 1582 פון דעם איטאַ־ליענישן בוימייסטער פּאַאָלאָ ראָמאַנאָ. (שנת ויקרא בש"ם).

השמים. דער רבֿ האָט גוזר תּענית געווען און די גאַנצע נאַכט האָט מען אין די שולן געזאָגט תּהלים. ר׳ שמעון שתּדלן און די ראשי הקהלה זענען געלאָפן פון איין פּריץ צום צווייטן. און גאָט האָט געהאָלפן, די שטאָט האָט די יידן נישט אַרויסגעגעבן און די זאַך איז אויסגעגאַנגען צו שרעק און צו געלט. כמיעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן איז אָפּגעטרעטן, אָבער דער פאָרשטעטישער עולם האָט אַ גאַנצן ווינטער געמוזט בלייבן אין שטאָט, ביז מ׳האָט געקאָנט נאָך פּסח זיך נעמען צו דעם אויפבוי פון די פאַרברענטע הייזער.

אַזוינע אומגליקן האָבן זיך איבערגעחזרט אין דער צווייטער העלפט פון דעם XVII יאָרהונדערט עטלעכע מאָל [1655, 1675, 1695] און תּמיד האָבן געמוזט די פאָרשטעטישע יידן איבערלאָזן דאָס פייער און דעם שונא זייערע הייזער און זיך באַהאַלטן אין שטאָט אַריין. קיין וווּנדער נישט, אַז צווישן די שטעטישע און פאָרשטעטישע האָט זיך געשאַפן אַ קשר. די פּרנסים פוןביידע קהלות האָבן אָנגעהויבן צוזאַמענצו-אַרבעטן און פון דעם יאָר 1714 האָבן זיי געהאַט אין שטאָט אַ געמיינזאַמע קאַנצעלאַריע, און כאָטש אין דעם 18 יאָרהונדערט האָבן אויפגעהערט די באַלאַגערונגען און שרפות, טראָץ דעם זענען געבליבן ביידע קהלות כמעט פאַראייניקט און די פּרנסים האָבן איינע אָן די אַנדערע גאָרנישט געטון.

## 6. אין דער עסטרייכישער צייט און היינט

די פּרנסים פון ביידע קהלות זענען געווען פאַרבונדן אָבער אין לעבן איז געבליבן דער קעגנזאַץ זייער שאַרף. די שטעטישע האָבן געקוקט אויף די פאָרשטעטישע ווי אויף „זאַוואָלאָקעס“, וואָס האַלטן גרייט זייער בינטל אין דער האַנט, כּדי יעדן אויגנבליק אַוועקצולויפן אין שטאָט אַריין, דעמאָלט ווען זיי — די שטעטישע — זיצן בשלום ובשלוה אין זייערע דירות און אין שיינע געוועלבער. און די דירות און געוועלבער האָבן זיך שוין פון לאַנג נישט געקאָנט זמיעשטשען אין דער יידישער גאַס און האָבן פאַרנומען אַלע שכנותדיקע גאַסן [די רוסישע, סערבסקא, חלפנים — גאַס באָימוב] און אַפילו די מיינסטע געוועלבער אין מאַרק. די קריסטלעכע סוחרים האָבן באַשטרעבט מיט אַלע מיטלען, כּדי די יידן צוריק אַריינצוטרייבן אין דער יידישער גאַס [געטאָ], ס׳זענען

אַראָפּגעקומען פון וואַרשע צענדלינקער קאָמיסיעס, ס'איז געקומען צו געשלעגן און הרוגות, אָבער די יידן האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייערע פּלעצער. ערשט די עסטרייכישע רעגירונג האָט געפונען דעם כּוח די יידן צו פאַרטרייבן. און' אין די יאָרן 1796 און 1811 האָט זי געטרפּעט די גאַסן, ווו האָבן זיך געקאָנט די יידן אַהינטון? אין דער יידישער גאַס אין שטאָט איז נישט געווען קיין פּלאַץ, און אָט זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אין פאָרשטאָט אַריין פון וואַנען זייערע טאַטעס און זיידעס זענען אַוועק אין די פריערע יאָרן. פּלאַץ איז דאָ געווען גענוג, בּפרט אַז עסטרייך האָט צענומען די שטאָט-מויערן און פאַרבּונדן די שטאָט מיט דער פאָרשטאָט, און אַזוי בּאַזעצן זיך די שטעטישע יידן אַרום-און-אַרום אויף דעם קראָקעווער פּלאַץ [פאַרן טויער], זיי בּויען זייערע הייזער „פאַר דער שול" און אויף דער בּריק" *) און כאַפּן זיך אַריבער איבער דער בּאָך (וואָס איז געגאַנגען אין דער לעגיאָנען-גאַס און אויפן פּלאַץ גאָליכאָווסקי) און קויפן פּלעצער פאַרן פערדל **) און אין דער בּרייטער גאַס, ***) וואָס איז געווען צו טייל גויִש, אין דער דאָזיקער בּרייטער גאַס געפינען זיך נאָך אין דעם יאָר 1772 דריי קלויסטערס: דאָרט ווו ס'שטייט היינט דער האָטעל „אַסטאָריאַ" איז געשטאַנען אַ קלויסטער און אַ שפּיטאָל פון דעם הייליקן סטאַניסלאַוו, אויף דעם גרויסן שטח פון נר 31 — 33 [קאָהנישע הייזער] איז געווען דאָס קלויסטער פון דער בּלאָהאָווישטשע און אַקעגנאיבער דאָס קלויסטער פון דער הייליקער בּריגידע — היינטיקע בּריגידקעס, אָבער אַחינו בני ישראל האָבן פאַרשטאַנען אַ געשעפט און שוין אין דעם יאָר 1806 זענען כּמעט אַלע הייזער אין דער אונטערשטער בּרייטער גאַס [1 — 20] אין יידישע הענט. מיט דער צייט איז די דאָזיקע גאַס געוואָרן דער האַנדלס-צענטער פון דער גאַנצער שטאָט, אַהער האָבן זיך געצויגן אַלע מאַנופאַקטוריסטן, אייזן-סוחרים וכו' און די „שטאָט" איז געבּליבן פּוסט און אָפּגעלעבּט.

אַזוי איז געווען בּיז צו דעם יאָר 1867, ווען די קאָנסטיטוציע

*) זשולקיעווסקאַ גאַס, בּיים טעמפּל.

**) פאַר דעם פערטל-פאַר דעם טויערל. היינט דער אונטערשטער טייל פון דער לעגיאָנען-גאַס.

***) קאַזימיעזשאָווסקאַ-גאַס.

האָט סקאַסירט די „יידישע גאַסן" און האָט ערלויבט די יידן צו וווינען אין דער גאַנצער שטאָט. רייכע יידן האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין גויִישע גאַסן און מיט דער צייט איז פאַרווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן יידישע און נישט-יידישע גאַסן, צווישן שטאָט און פאָרשטאָט.

דער פרומער און אָרעמער עולם איז אָבער ביז היינט געבליבן אויף זיין מקום, ער וווינט נאָך תּמיד לעבן דער שטאָטישער אָדער לעבן דער פאָרשטעטישער שול, לערנט אין שטאָטישן אָדער אין פאָרשטעטישן בית-המדרש, פרעגט אַ שאלה ביי ר' לייבעלע ברוידע אין פאָרשטאָט *) אָדער ביים הרב ציף אין שטאָט. ער איז נאָך היינט שטאָלץ אויף דער קדושה פון „זיין" חזן און אויף דעם קלאַפּן אין שול אַריין פון „זיין" שמש. און ווען ס'פּאַרט — ס'זאָל זיך נישט טרעפן — די עגלה מיט אַ בר-מינן, זאָגט ער מיט אַ זיפץ: ברוך דיין אמת און פרעגט דעם שכן: אַ שטעטישער צי אַ פאָרשטעטישער איז געשטאָרבן?

---

*) דער לעמבערגער רב ר' אריה-ליב ברוידע איז נפטר געוואָרן אין דעם יאָר תרפ"ח (1928). ער איז געווען דער איידים פון דעם לעמבערגער רב ר' צבי-הירש אָרנשטיין וואָס איז געווען אַן אייניקל פון דעם לעמבערגער רב ר' יעקב אָרנשטיין, דעם בעל-מחבר פון דעם ספר „ישועת-יעקב".

# די יידן אין קראָקע בשעת דער שוועדישער אינוואַזיע.

### (אַ בלעטל געשיכטע פון די יאָרן 1655 — 1657).

די יאָרן פון די קאָזאַקישע איבערפאַלן זענען פאַר פוילן און זיינע איינוואוינער געווען מוראדיק. דער גאַנצער מזרחדיקער שטח פונם לאַנד האָט שרעקלעך געליטן פון דער קאָזאַקיש-טאַטאַרישער שווערד. אַלע שטעט און אוקראַינע, וואָלין און פאָדאָליען זענען מער אָדער ווייניקער פאַרניכטעט געוואָרן. די יידן, וועלכע זענען אין דרום-מזרחדיקן טייל פון לאַנד באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון שטאָטישע איינוואוינער, האָבן באַזונדערס שווער געליטן, פאַלנדיק ווי פליגן פון דער שווערד און די עפידעמיעס, אָדער האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע שטענדיקע וווין-ערטער און נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין דער האַנט.

נאָך ערגער איז געוואָרן, ווען כמיעלניצקי האָט זיך אונטערגעגעבן די רוסן און דאָס רוסישע מיליטער האָט אָנגעהויבן מאַרשירן אויף ליטע. שרעקלעך זענען דאָ געווען די ליידן פון די איינוואוינער פון ווילנע, מינסק און אַנדערע שטעט, אָבער נאָך שרעקלעכער זענען געווען די יסורים פון די יידן. די רוסן האָבן אויף זיי נישט געהאַט קיין רחמנות און זיי געמאָרדעט אין די טויזנטער, אָן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער. ר׳ משה רבקהס, דער מחבר פון ספר „באר הגולה״, וועלכער האָט אַליין מיטגעמאַכט די דאָזיקע געשעענישן, באַשרייבט אַזוי די דאָזיקע אומגליקלעכע צייט: „די קאָזאַקן און מאָסקוויטער האָבן פאַרפלייצט גאַנץ ליטע, גובר געווען פאָלאָצק, וויטעבסק און מינסק און פאַרניכטעט די דאָזיקע שטעט. ווויהין די קאָזאקן זענען נאָר

אַריינגעקומען, האָבן זיי איינגעאָרדנט מוראדיקע שחיטות איבער די יידן; ווען זיי האָבן געלאָזט ביים לעבן, האָבן זיי גענצלעך צעראַבירט. ווען די דאָזיקע צעווילדעוועטע האָרדן האָבן זיך באַוויזן פאַר די טויערן פון ווילנע, איז דער וואָיעוואָדאַ ראַדזיוויל אַנטלאָפן מיט זיין גאַנצן מיליטער און נאָך זיי איז מיטגעלאָפן אין בהלה דער גרעסטער טייל פון די איינוווינער. מיטוואָך, כ״ג תמוז תט״ו, איז אַנטלאָפן פון ווילנע כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. אַ טייל איז אַנטלאָפן אויף פערד אָדער אויף וועגן אַ טייל צו-פוס, טראָגנדיק אויף די פלייצעס קליינע קינדער. ווייט אַרום האָט אָפגעהילכט דאָס געוויין פון די אומגליקלעכע און אויך מיינע אויגן זענען געווען פייכט פון טרערן... [1]

די געשרייען פון די אומגליקלעכע, דאָס געוויין פון די יתומים און אַלמנות, האָט זיך אָבער געלאָזט הערן, נישט בלויז אין ליטע און אוקראַינע. אויך אין דייטשלאַנד זענען נאָכן דרייסיק-יאָריקן קריג אַלע שטעט געווען פאַרניכטעט און פאַרברענט און אויך דאָרט האָבן די יידן באַזונדער שטאַרק געליטן. ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפן קיין פוילן. און ווייל גרויס-פוילן איז זיי געווען צום נאָענטסטן און ווייל אַהין האָבן אויך נישט געהאַט דערגרייכט די איבערפאַלן פון די קאָזאַקן און אַנדערע פיינטלעכע חיילות, דעריבער האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אַסך עמיגראַנטן סיי פון די מזרח-געביטן פון לאַנד, סיי פון דייטשלאַנד, שלעזיע, בעמען און מערן. צו די דאָזיקע יידישע ערי מקלט האָט אויך געהערט קראָקע, ווו עס האָט געפונען מנוחה אַ גרעסערע צאָל יידישע אויסוואַנדערער פון די שכנותדיקע פראָווינצן.

אָבער אויך פאַר די דאָזיקע געגנטן, פאַר גרויס-פוילן (פויזן) און קראָקע, האָט געזאָלט אויסשלאָגן די אומגליקלעכע שעה. אַ נייער שונא האָט זיך באַוויזן אין די גרעניצן פון פוילן און געווען זענען דאָס די שוועדן, וועלכע זענען אונטער דער אָנפירונג פון זייער מלך קאַרל גוסטאַוו דעם 10-טן אָן אַ פריערדיקער קריגס-ערקלערונג אַריינמאַרשירט קיין גרויס-פוילן. דאָס פוילישע מיליטער האָט זיך אונטערגעגעבן די שוועדן און אַזוי אַרום האָט זיך די גאַנצע מלוכה געפונען אין די הענט פונם שונא.

די שוועדן האָבן אַבסאָלוט נישט געקאָנט קיין יידן. אין זייער

---

1) רש״י פין קריה נאמנה, זייט 14.

לאַנד האָבן זיך קיין יידן נישט געפונען און האָבן דעריבער געהאַט איבער זיי די ערגסטע מיינונג. נישט קיין וווּנדער, אַלזאָ, אַז פאַר די יידן איז דאַן אָנגעקומען אַ ביטערע שעה, אַז מען האָט זיי געמאָרדעט און באַרויבט. און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָט מען אין קרוין-פוילן פאַרשפרייט אַ נישט-געשטויגענע מעשה, אַז זיי האַלטן מיט די שוועדן און פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד אויף שריט און טריט. ווער עס האָט פאַרשפרייט דעם דאָזיקן בלבול, איז שווער פעסטצושטעלן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די קאַטאָליקן, מורא-האָבנדיק פאַר דער נקמה פון די פראָטעסטאַנטישע שוועדן צוליב די אָנפאַלן אויף די עוואַנגעלישע קירכעס און בית עלמינס, פלעגן יעדן נישט-קאַטאָליק מאַכן פאַר אַ שותף פון שונא.

און פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז ווי אויף צו להכעיס די דאָזיקע קלאַנגען, האָבן די שוועדן אָן רחמנות געמאָרדעט די יידישע באַפעלקערונג און זי פולשטענדיק באַרויבט.

שוין די ערשטע דורך זיי פאַרנומענע שטאָט — פויזן — האָט דערפילט דעם טעם פון שוועדישן יאָך און די יידישע באַפעלקערונג האָט, אויסער די שווערע לאַסטן, וועלכע זי האָט געהאַט צו טראָגן צוזאַמען מיט די איבריקע איינוווינער, נאָך געליטן פון באַזונדערע רויב-איבערפאַלן. שוין אין דער ערשטער נאַכט האָבן די שוועדן צעראַבירט די יידשע געשעפטן און שענק-הייזער און זיך איינגעאָרדנט אַ סעודה. גלייכצייטיק האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרשפרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַ מגפה, וועלכע האָט פאַרשלינגן הונדערטער קרבנות. פון פויזן האָבן די שוועדן מאַרשירט קיין קראָטאָשין און דאָ האָבן זיי געמאַכט אַזאַ שחיטה, אַז פון 400 יידישע פאַמיליעס זענען איבערגעבליבן קוים 50. פון לעשנאָ (ליסאַ) זענען פאַר שרעק כמעט אַלע יידן אַנטלאָפן קיין שלעזיען [1].

ר׳ יהודה בן אפרים חיים פון פילאַ דערציילט וועגן דער מוראדיקער מגפה און שרעקלעכע פרעסט פון יענעם יאָר. זיין טאָכטער

---

1) Lewin Louis: Judenverfolgungen im zweiten Schwedisch-polnischen Krieg. צייטשריפט דער היסטאָרישען געזעלשאַפט פאַר די פּראָווינץ פאָזען, באַנד 16.

איז דאַן געגאַנגען צו-קינד און אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי זיך צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע געמוזט אַרומוואַלגערן אין די וועלדער אַרום פּאָזשאַראָוו און קיין שום אַקושערין האָט נישט געוואָלט גיין צו דער דאָזיקער אָנשטעקנד-קראַנקער געווינערין, ענדלעך האָט זיך געפונען איין אַקושערין און אַ דאַנק איר האָט דאָס ווייבל געבוירן דאָס קינד. פרילינג האָט זיך די גאַנצע משפחה איבערגעטראָגן קיין וורעָנעק און דאָ האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דעם אָנקומען פון די שוועדן. אַלע יידישע בעלי-בתים פונם שטעטל זענען זיך צעלאָפן איבער דער געגנט. יעדער איז אַוועק, וווּהין די אויגן האָבן אים געפירט. אונזער מחבר איז מיט דער פאַמיליע אַריבער קיין גראָדזיסק. „ווען מיר זענען אַהין אָנגעקומען — שרייבט ער צווישן אַנדערע —, האָבן מיר אויף דער יידישער גאַס זיך נישט געקאָנט מאַכן קיין וועג. אומעטום איז געווען פול מיט אָנגעלאָדענע פורן, גרייט יעדע רגע אָפּצופאָרן קיין שלעזיען. אויף די פורן זענען געזעסן קלענערע און גרעסערע קינדער און געוואַרט אויף דער אָפּרייזע".

אַלס אַ צוגאָב צום אומגליק, האָט מען אין יאָר 1654 אָנגעהויבן באַשולדיקן די גרויס-פוילישע יידן אין דעם אַלטן חשד וועגן עלילת דם. אַ סך קדושים האָבן דאַן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דעם שם רע און אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן די מנהיגי מדינה באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין רוים מיט אַ בקשה צום פויפּסט. ר' יעקב בן נפתלי פון גנעזן האָט זיך אונטערגענומען דאָס דאָזיקע שליחות און אַוועקגעוואַנדערט קיין רוים ווי ס'האָט געהערשט דער פויפּסט אינאָצענס דער 10-טער. עס איז אונז נישט באַקאַנט דער ווייטערדיקער גורל פון דעם דאָזיקן שליחות, אָבער דאָס ווייסן מיר, אַז איידער ר' יעקב איז אַהיים-געקומען, איז דער גרעסטער טייל פון די גרויס-פוילישע יידישע ישובים געווען פולשטענדיק חרוב. די שוועדן פון איין זייט און דאָס פוילישע מיליטער פון דער צווייטער האָבן באַרויבט און געמאָרדעט יידן אָן רחמנות.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען זיך אין קראָקע דערוווּסט, אַז די שוועדן מאַרשירן גלייך אויף דער שטאָט, ווייל זיי האָבן שוין פאַרנומען פּויזן און וואַרשע און עס פעלט זיי בלויז די קרוינונגס-שטאָט.

צוליב דער דאָזיקער ידיעה, איז אויף דעם קוזמיר (קאַזשימיערזש) אַנטשטאַנען אַ אומבאַשרייבלעכע מהומה. די יידן האָבן נישט געוווּסט, צי זיי זאָלן באַהאַלטן זייערע סחורות און שטוב-זאַכן אין קוזמיר,

אָדער זיי איבערטראָגן אין זייערע געוועלבער און קעלערס אין קראָקע. דער קוזמיר איז געווען זייער שוואַך באַפעסטיקט. די יידישע הייזער האָבן דערגרייכט ביז צו די מויערן פון שטאָט און אין די דאָזיקע מויערן זענען געווען פיל לעכער און שפאַלטן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען פון די וואַסער־קאַנאַלן און פון די רעגנס. אויף די מויערן זעלבסט זענען געשטאַנען יידישע הייזלעך און די טורמען און באַשטן פלעגן דינען אַלס מאַגאַזינען פאַר די גרויסע יידישע סוחרים 1).

ערשט יעצט האָבן זיך די יידן אַרומגעזען, אַז אַ פאַרטיידיקונג איז כמעט אוממעגלעך און אין גרויס איילעניש האָבן זיי גענומען איבער־טראָגן זייער פאַרמעגן אין די געוועלבער און קעלערס אין קראָקע. עס זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט ווערטפולע חפצים די הייזער פון די פריצים מישקאָווסקי (פיר געוועלבער), די געביידעס פון ראַטמאַן היפּאָליט אויפן צמענטאַר פון דער קירך פאַננאַ מאַריאַ, פון דעם פריץ אָסאָלינסקי, פון דער מטבעות־גיסעריי און אַנדערע. דאָ האָבן באַהאַלטן זייערע סחורות און משכנות, דעסגלייכן מלבושים, צירונג און זיידנס די רייכסטע יידישע סוחרים, ווי ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקלס, די קינדער פון ר׳ טודרוס קאָזשוכאָווסקי ז״ל א. א.

אַנדערע יידן, ווידער האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די קראָקעווער מויערן, זיי האָבן פאַרפאַקט זייער ביסל פאַרמעגן און זענען אַנטלאָפן קיין מערען און שלעזיען. וואָס פאַר אַ גורל עס האָט זיי געטראָפן, דערוויסן מיר זיך פון אַ געוויסן פראָצעס פון אַ יידישער אַלמנה קעגן אַ געוויסן גראַבאָווסקי אָט די דאָזיקע אַלמנה רבקה די חזנטע איז צוזאַמען מיט ר׳ לוי בן שמעון אַנטלאָפן פון קראָקע, פירנדיק מיט זיך פערל, מלבושים און גאָלדענע מטבעות פון וועלכע 24 שטיק זענען געווען מיט העברעישע אויפשריפטן. זיי זענען געפאָרן נאָך שלעזיען, אויפן וועג, אין דאָרף בוברקי, איז זיי דער דאָזיקער גראַבאָווסקי באַפאַלן, האָט זיי צעראַבירט און האָט זיי נאַקעט און באָרוועס אַרויסגעטריבן פון דעם דאָרף 2).

די יידישע באַנקירן האָבן צוגלייך מיט די קריסטלעכע נישט

1) קראָקעווער שלאָס־אַקטן, רעלאַציעס באַנד 81 זייט 78 — 572.
2) קראָקעווער שלאָס־אַקטן, רעלאַציעס באַנד 90 זייט 877.

געקוקט אויף די דראָענדע סכּנות און פאַרלאָזט קראָקע און דעם קוזמיר. אויך די באַוווּסטע כּלי קודש, ווי דער קראָקעווער רב, ר׳ יהושע העשל און דער ראש ישיבה, ר׳ חיים בוכנער, האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. ר׳ יהושע העשל איז אַריבער קיין מערען און זיך אָפּגעשטעלט אין ניקלשבורג, ווו ער האָט זיך געטראָפן מיטן ווילנער למדן ר׳ אפרים כּהן (מחבר פון ספר „שער אפרים״), וועלכער איז אַנטלאָפן פון דעם ווילנער פּאָגראָם. רב און ניקלשבורג איז דאַן געווען דער באַוווּסטער גאון ר׳ מנחם מענדל קראָכמאַל, מחבר פון דעם ספר „צמח צדק״. ר׳ יהושע העשל האָט זיך אָבער נישט אויפגעהאַלטן לאַנג אין ניקלשבורג, נאָר ער איז אַוועק נאָך ווין, ווו עס האָבן געפונען אַן מקום מנוחה כּמעט אַלע רבנים און לומדים פון פוילן 1).

אַלץ, וואָס האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן פון קראָקע און קוזמיר האָט זיך געגרייט צו אַ פאַרצווייפלטער פאַרטיידיקונג. 2) דער קראָקעווער בירגערמייסטער, ה׳ אַנדזשיי טשעניאָוויטש, האָט אייפריג געאַרבעט איבער דער באַפעסטיקונג פון די קראָקעווער פאָרטיפיקאַציעס און פיר פערטל-מייסטערס האָבן פלייסיק אַכטונג געגעבן איבער דער פאַרענדיקונג פון דער ריזיקער אַרבעט. די קוזמירער יידישע קהלה האָט באַקומען אַ באַפעל צו צאָלן 100 פוילישע גילדן וואָכנטלעך אויף צו ברענגען אין אָרדנונג די פאָרטיפיקאַציעס און אויסער דעם צוצושטעלן יידן צום גרובן שאַנצן.

די צוגרייטונגען האָבן זיך געצויגן אין משך פון די חדשים יולי און אויגוסט, דערביי איז די שטאָט קוזמיר אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן הגם מ׳האָט געזאָרגט קודם-כּל פאַר קראָקע. נישט קיין וווּנדער, אַלזאָ, אַז שוין דעם 28-טן סעפּטעמבער 1655 האָבן די שוועדן דורך אַ שפּיצל באַוויזן צו פאַרנעמען דעם קוזמיר אין איין מאָמענט האָבן זיי זיך צו-צושפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, רויבנדיק און מאָרדנדיק. די קאַטוילישע באַפעלקערונג האָט זיך באַהאַלטן אין דער קירך „באָזשע טשאַלאָ״ ווי מען האָט זיי געהאַלטן 3 טעג, די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די שולן

1) דעמביצער: כּלילת יופי 2-טער באַנד, זייט 45.

2) **Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie w Krakowie.**

אַריין, אָדער האָבן אין זייערע שטובן אָפּגעוואַרט זייער גורל. דער שוועדישער גענעראַל וויטענבערג האָט ערלויבט זיין מיליטער 3 טעג צו ראַבירן און עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטון. דעם 27-טן סעפּטעמבער 1655 – לעזן מיר אין טאָג-בוך פון גענעראַל פּאַטריק גאָרדאָן – האָט די פאָרשטאָט קאַזשימיערזש באַצאָלט די אָנקומענדע שוועדן אַ סומע געלט און די יידן האָבן צו דעם באַזונדער צוגעגעבן אַ גרויסע סומע 1).

די יידישע שטאָט איז אינגאַנצן פאַרוויסט געוואָרן. אַלע שולן זענען געוואָרן גענצלעך צעראַבירט, אין פיל פון זיי האָט מען רואינירט די סופיטן און פאַרניכטעט די איינגאַנגס-טויערן. אין די פּריוואַטע שטובן האָט מען צעבראָכן די גראַטעס, די אויוונס, צעהאַקט חפצים און אַלע אַנדערע זאַכן פולשטענדיק צעראַבירט, ווער עס האָט געקאָנט, איז אַנטלאָפן פון שטאָט. די דאָזיקע אַנטלויפנדע האָט אָבער נאָכגעיאָגט אַ מגפה, וועלכע האָט גראַסירט אין דער יידישער שטאָט און אַוועקגעכאַפּט פיל קרבנות צווישן אירע איינוווינער.

קראָקע האָט טיכטיק פאַרטיידיקט דער העטמאַן סטעפאַן טשאַרניעצקי. דער דאָזיקער מעכטיקער העלד איז אומעטום אַליין געווען, אַכטונג געגעבן איבער די באַפעסטיקונג פון די פאָרטיפיקאַציעס און אָנגעפירט מיט די מיליטערישע און סטודענטישע אָפּטיילונגען. ווילנדיק צונעמען ביים שונא די מעגלעכקייט זיך צו באַהאַלטן אויף דעם סטראַדאָם כדי פון דאָרט-אויס צו באַשיסן די שטאָט, האָט טשאַרניעצקי געהייסן אונטערצינדן אַלע שכנותדיקע הייזער און קירכעס. די שוועדן זענען אָבער נישט אָפּגעשטאַנען און האָבן מיטן גאַנצן אימפעט כסדר געשטורמט די שטאָט. בשעת די דאָזיקע קאַמפן איז אין שטאָט אַנטשטאַנען אַ פּאַניק, באַזונדערס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט דאָ געהאַט אירע געוועלבער און סקלאַדעס. יענע יידן, ווידער, וועלכע האָבן זייער פאַרמעגן איבערגעלאָזט אין קוזמיר, זענען נאָכן פאַרנעמען די דאָזיקע שטאָט דורך די שוועדן, געבליבן אָפּגעשניטן פון זייערע קרובים. די יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין קראָקע,

1) Tagebuch Patrick Gordons Moskau 1849, זייט 23.

האָבן געהיטן דאָס פאַרמעגן פון זייערע ברידער, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז דער שטאָטישער המון און אַפילו די אָנגעזעענערע בירגער וואָלטן מיט חשק צעראַבירט די יידישע געוועלבער.

און אַזוי איז טאַקע געשען. אין סאַמע חגא-טאָג פונם „הייליקן מיכאַל״ (דעם 29-טן סעפטעמבער) קוים צוויי טעג נאָכן פאַרנעמען דעם קוזמיר דורך די שוועדן ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורם פונם שונא אויף קראָקע, האָט אַ גרופע אָפיצירן מיט דער הילף פון אַ ביסל מיליטער זיך אָנגעהויבן אַריינצוברעכן אין די יידישע געוועלבער אין די הייזער פון די מישקאָווסקיס און היפּאָליטס, ווו עס האָבן זיך געפונען קאָסטבאַרקייטן און טייערע משכנות פון ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקלעס און אַנדערע. בראש פון דער דאָזיקער חברה זענען געשטאַנען: דער אָפיציר לודוויק פשעצלאַווסקי. הויף-מאַרשאַלעק, יאַן בראַניצקי, ווילטשקאָווסקי, לובאַוויצקי, דעמבינסקי, יוכנאָווסקי א. א. זיי האָבן עס אויפגעבראָכן די געוועלבער און אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן, האָבן זיי טיילווייז פאַרניכטעט און דאָס איבעריקע אַרויפגעלייגט אויף מיליטערישע וועגן און מיטגעפירט צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדע מיליטער-טיילן. דעם היזק האָבן די יידן געשאַצט אויף זיבן הונדערט טויזנט פוילישע גילדן [1].

דער קאַנאָניק שמעון סטאַראָוואָלסקי, דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער ראַבירונג נאָר דרך אגב, באַהויפּטנדיק, אַז דאָס האָט אויסגעפירט דער פראָסטער המון, און אַז טשאַרניעצקי האָט די שולדיקע באַשטראָפט [2], באמת אָבער האָט די דאָזיקע „שטראָף״ גאָרנישט געמוזט זיין אַזוי שטרענג, אויב שוין אין 5-טעג אַרום, ד. ה. דעם 4-טן אָקטאָבער, האָט דער גלח אָ ס אָ ל י נ ס ק י מיט זיין דינערשאַפט זיך ערלויבט אַריינ-צובאַקומען אין די קעלערס פון דער „אַלטער מטבעות-גיסעריי״, ווו די יידן האָבן באַהאַלטן וויין און אַנדערע שפּייז-אַרטיקלען, און זיך פראַוועו דאָרט אַ גאַנץ נישט-קשהדיקע סעודה. דעם דאָזיקן ביישפּיל האָבן נאָכגעטון פיל מיליטער-לייט, אויסגעבראָכן די טירן פון די דאָזיקע קעלערס, און דאָ אויף דאָס ניי אָנגעהויבן אַ סעודה און טרינקעריי. ערשט דאַן האָט זיך אַריינגעמישט טשאַרניעצקי. פונאַנדער-

1) קראָקעווער שלאָס-אַקטן, רעלאַציעס באַנד 90 זייט 8—2174.

2) כראָניק, פון שמעון סטאַראָוואָלסקי (כתב-יד אָסאָלינעום) זייט 18.

געטריבן די זעלנער אויף זייערע פּאָסטנס און דעם קאַנאָניק אָסאָלינסקי געהייסן אָפּפירן אין דער קאָרדיגאַרדע (אַרעסט) [1].

בעת די דאָזיקע געשעענישן האָבן דערווייל כּסדר געדויערט די קאַמפן צווישן ביידע צדדים. די פאַרטיידיקונג האָט שוין אָבער נישט געקאָנט געפירט ווערן אין ברייטערן מאַסשטאַב. ווייל די כּוחות זענען וואָס אַמאָל אַלץ קלענער געוואָרן. די שוועדישע מיליטערישע כּוחות, דאַקעגן, זענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. טשאַרניעצקי, האָט אָבער אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן אונטערגעבן זיך. ערשט ווען מען האָט אים איבערצייגט, אַז ער קאָן פון ערגעץ נישט באַקומען קיין הילף, האָט ער באַשלאָסן מיט ערע צו פאַרלאָזן די שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָבן די קראָקעווער בירגער אונטערגעהאַנדלט מיט דעם שוועדישן קעניג קאַרל-גוסטאַוו וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון דער שטאָט. דעם שוועדישן קעניג זענען געשטעלט געוואָרן געוויסע באַדינגונגען, ווי: באַשיצן די רעכט פון דער קאַטוילישער רעליגיע, אויפבויען די חרוב-גע-וואָרנע קירכעס, אויף ווייטער איבערלאָזן די פּריווילעגיעס פון דער אַקאַדעמיע, באַזעצן אַמטן בלויז מיט קאַטאָליקן און... פ אַ ר ג י כ ט ן ד ע ם י י ד י ש ן ה אַ נ ד ל [2]. דער דאָזיקער פּונקט איז בפירוש און דייטלעך אַרויס-געזאָגט געוואָרן. אַלזאָ, אינם דאָזיקן גרויסן אומגליק פאַר דער אייגענער שטאָט און אייגענעם לאַנד, האָבן קראָקעווער בירגער געוואָלט פאַרענדיקן זייער אַלטן סכסוך וועגן יידישן האַנדל און אים דערלויבן נאָר אין ראַמען פונם אָפּמאַך פון יאָר 1485, ד. ה. אים געצלעך פאַרניכטן. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך האָבן זיך די קראָקעווער יידן פאַרפליכטעט, נישט צו באַ-שעפטיקן זיך מיט קיין שום האַנדל און אינדוסטריע, נאָר בלויז צו פאַר-קויפן אַלטוואַרג, פאַרפאַלן-געוואָרענע משכּנות א. ד. וו. [3]

קאַרל גוסטאַוו איז באַשטאַנען אויף די דאָזיקע פּונקטן, איבער-לאָזנדיק פאַר זיך אָבער דאָס רעכט צו באַזעצן די אַקאַדעמיע מיט פּראָטעסטאַנטישע פּראָפעסאָרן און האָט באַשטימט דעם 19-טן אָקטאָבער 1655 פאַרן פרייען אָבמאַרש פונם פוילישן מיליטער.

1) Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie w Krakowie זייט 27.

2) קראָקעווער שטאָט-אַרכיוו: סענאַטוס-קאָנזולט באַנד 1498 זייט 227.

3) Bałaban: Żydzi w Krakowie. tom I str. 49.

דעם דאָזיקן טאָג, 11 אַזייגער, איז דאָס גאַנצע פוילישע מיליטער געשטאַנען אויפן קראָקעווער מאַרק און טשאַרניעצקי האָט זיך געזעגנט מיטן בירגערמייסטער און מיט די אָנגעזעענע בירגער און נאָכהער זיך געהייסן געבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז ער פאַרלאָזט די שטאָט בלויז אויף דער ביטע פון די בירגער צוליב סטראַטעגישער נויט־ווענדיקייט. שוין האָט דאָס פוילישע מיליטער באַדאַרפט אָפּמאַרשירן צום פלאָריאַנער־טויער, אָבער אין דער לעצטער רגע האָט מען אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצעהאַקן די יידישע געוועלבער און קעלערס, אַרויסנעמען פון זיי אַלע זאַפּאַסן לעבנס־מיטלען און געטראַנקען. דאָס מיליטער האָט זיך באַלד געוואָרפן צום ראַבירן דאָס יידישע פאַרמעגן, נישט איבערלאָזנדיק דאָרט דאָס מינדסטע. אַלצדינג האָט מען אָנגעלאָדן אויף מיליטערישע פורן און אַרויסגעפירט פון קראָקע [1].

די יידן זענען געווען פאַרצווייפלט. אין איין מאָמענט, אומגעריכט, האָבן זיי פאַרלוירן זייער גאַנץ פאַרמעגן. נישט קיין וואונדער, אַלזאָ, אַז זיי האָבן זיך באַלד געווענדט צום שוועדישן קעניג מיט אַ ביטע וועגן אָפּנעמען זייער צעראַבירט פאַרמעגן. קאַרל גוסטאַוו איז אַנטקעגנגעקומען די דאָזיקע ביטע און אַרויסגעשיקט שליחים צום פוילישן מיליטער מיט אַ פאָדערונג, צוריקצוגעבן די צוגערויבטע זאַכן. די פוילישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָבער אָפּגעלייקנט פון אַלעמען, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז זיי וויסן פון גאָרנישט. לויט די דאַמאָלסדיקע קוועלן [2] זאָל טשאַרניעצקי האָבן צוגענומען ביי די יידן פאַרמעגן פאַר בערך אַ מיליאָן גילדן. און באמת איז דער דאָזיקער מאַן געבליבן פאַר יידן אַ סימבאָל פון שנאה און אומגליק. די יידישע כראָניקן פון יענער צייט רופן אים כסדר „צורר טשאַרניצקי“.

די שוועדן האָבן זיך נישט געקומערט וועגן פוילישן מיליטער און האָבן זיך אויפן באַקוועמסטן אופן איינגעאָרדנט אין קראָקע און אויפן קוזמיר. אין קראָקע האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע גענעראַל וויטעמבערג און געהערשט דאָרט פונם 26־אָקטאָבער 1655 ביז דעם

1) Sikora: Szwedzi i Siedmiogrodzianie זייט 37.

2) Pierre de Noyers: Lettres. Berlin, 1859, זייט 31.

5-טן פעברואַר 1656, אין קוזמיר האָט קאָמאַנדירט גענעראַל פערסען. דער לעצטער האָט איינקוואַטירט זיין מיליטער אין די יידישע שולן און אין פיל ליידיק-געבליבענע יידישע הייזער.

וויטעמבערג האָט געפאָדערט פון דער שטאָט 300.000 פוילישע גילדן קאָנטריבוציע. און נאָך לאַנגע דינגענישן האָט ער אויסגעפרעסט 160.000, פון וועלכע איין זעקסטל האָבן געצאָלט די יידן. דאָס איבריקע האָט מען אים געצאָלט אין וועכנטלעכע ראַטעס צו 6.000 גילדן, פון וועלכע טויזנט האָבן געמוזט צושטעלן די יידן. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אַקציז אויף לעבנס-מיטלען און שוועדישע באַאַמטע האָבן איינקאַסירט אַלערליי אָפּצאָלן. אויבעראינטענדענט פאַרן צופיר פון סחורות איז געוואָרן דער קראָקעווער ראַטמאַן מאַרצין לעכמאַן. אַדמיניסטראַטאָר פון געטראַנק-שטייערן און אַקציזן איבער די שטעט און שטעטלעך איז געוואָרן יאַן אַנטאָני רוזשנאָווסקי דע ראָזענשטיין. דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען אַ וויעליטשקער ייד, וועלכער האָט זיך געשמדט נאָך בעת דער פוילישער הערשאַפט און געהאַט די אויפזיכט איבער די וויעליטשקער זאַלץ-גרובן. לעצטנס האָט ער געוווינט צוזאַמען מיט זיין פרוי „אויף די גאַרבאַרעס”. [1]

וויטעמבערג איז געוואָרן דער מושל פון שטאָט. אַלץ איז געווען פון אים אָפּהענגיק און אַלץ האָט זיך באַמיט אים צו געפעלן: דער בירגערמייסטער טשעניאָוויטש, די שטאָטישע באַלעבאַטים, די גלחים און די פּראָפעסאָרן פון דער אַקאַדעמיע. זיין ווילן איז געווען פאַר אַלע הייליק, זיינס אַ באַוועגונג — אַ באַפעל. וואָס איז אַלזאָ אַ וונדער, וואָס די צעראַבירטע און רואינירטע יידן האָבן זיך מכניע געווען פאַרן דאָזיקן גענעראַל צוגלייך מיט אַלע אַנדערע איינוווינער פון שטאָט?

און פונדעסטוועגן האָבן די דאַמאָלסטיקע היסטאָריקער זיך געמאַכט פאַרגעסן די אויפפירונג פון אַלע אַנדערע, באַשולדיקנדיק אין פאַרראַט נור די יידן און אַריאַנער (אַ מין פּראָטעסטאַנטישע סעקטע).

דער פוילישער מלך יאַן קאַזשימיערזש האָט זיך דערווייל אויפגעהאַלטן אין שלעזיען און פון דאָרט כסדר געשיקט שליחים צום דייטשן קייזער און אים פאָרגעלייגט צו ווערן טראָן-

1) האַנטשריפט פון דער אָסאָלינסקישער ביבליאָטעק אין לעמבערג נ״ר 189 דף 806.

פאָלגער אָדער זאָגאַר באַלד איבערצונעמען די פוילישע קרוין, אַבי נור צו ראַטעווען דעם באַדראָטן קאַטאָליציזם.

דער קייזער האָט די פוילישע קרוין נישט אָנגענומען און דער פוילישער קעניג האָט אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען פון אַן אַנדערער זייט. דערווייל אָבער איז פלוצלינג געשען אַן אומדערוואַרטעטער פאַקט: די פאַרטיידיקונג פון טשענסטאָכאָוו, ווי 160 זעלנער און 70 גלחים האָבן אָפּגעראַטעוועט די דאָזיקע קליינע קלויסטער-פעסטונג קעגנאיבער דער פיל-טויזנטער שוועדישער אַרמעע. קורץ נאָך דעם האָט מען אין דעם קעניגלעכן לאַגער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אומקערן צוריק אַ היים. די נשמה פונם דאָזיקן פלאַן איז געווען די קעניגין.

און אַזוי האָט מען טאַקע אָנגעהויבן צו טון. פאַר די ווינטער-הגאות פון יאָר 1655 האָט יאַן קאַזשימיערזש פאַרלאָזט גלאָגובעק, די חגאות האָט ער פאַרבראַכט אין טעפליץ און נאָכהער איז ער דורך אונגאַרן איבער דוקלאַ, קראָסנאָ, לאַנצוט, סאַמבאָר און ווישניע אַריבער נאָך לעמבערג.

דערווייל איז אָרגאַניזירט געוואָרן די טישאָוויצער קאָנפעדעראַציע און צו איר זענען כסדר צוגעשטאַנען איין וואָיעוואָדסטווע נאָך דער אַנדערער. אויף זיין רייזע, איז דעם קעניג אַממייסטן געקומען צו הילף דער פירשט יעזשי לובאָמירסקי און טאַקע ביי אים, אין לאַנצוט האָט ער זיך צום לענגסטן אויפגעהאַלטן. אָט דאָ האָט מען אים פאָרגעשטעלט די קראָקעווער יידן אַלס פאַררעטער פון לאַנד און וועגן זיי דערציילט בבא מעשות, אַז זיי זאָלן האָבן געוויזן די שוועדן די שוואַכע ערטער פון די קראָקעווער פאָרטיפיקאַציעס, דעס-גלייכן, אַז זיי האָבן צוזאַמען מיט די שוועדן באַרויבט קירכעס און פאַרקויפט דאָס צוגעראַבירטע זילבערוואַרג. דער קעניג האָט געגלויבט אין דעם אַלעמען און אין אַ דעקרעט פון 23-טן יאַנואַר 1656 האָט ער געשענקט דעם העטמאַן און מאַרשאַלעק יעזשי לובאָמירסקי און דעם קאַנצלער סטעפאַן קאָריטשינסקי די גאַנצע יידישע שטאָט ביי קראָקע (אויפן קוזמיר) מיט אַלע שולן, געמויערטע און געבויטע הייזער, סחורות מזומנים און טייערע חפצים פון יענע אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך בעת דער שוועדישער הערשאַפט אַרויסגעוויזן אַלס פאַררעטער פון פוילן. 1

1.) Berson: Dyplomatarjusz, Nr. 255.

צי האָבן לובאָמירסקי און קאָריטשינסקי באמת באַקומען דעם דאָזיקן אַקט אין זיין דאָזיקער סטיליזאַציע אין יאַנואַר 1656 אָדער זיי האָבן דאַן נור באַקומען פון קעניג אַ מינדלעכן צוזאָג און דעם אַקט האָט מען אָנגעשריבן ערשט אין צוויי יאָר אַרום – ווען קאַזשימיערזש איז שוין געווען צוריק מלך פון פוילן –, איז שווער פעסטצושטעלן. עס איז נור אַזוי פיל זיכער, אַז אַפילו דער דאָזיקער אַקט זאָל יאָ געווען דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָט ער אויך דאַן נור געהאַט אַ טעאָרעטישע באַדייטונג, הגם אין קראָקע זענען נאָך אַלץ געווען די שוועדן און האָבן נאָך פאָרלויפיק נישט בדעה געהאַט, אפצוגעבן די דאָזיקע שטאָט.

* *

*

מיליטערישער גובערנאַטאָר פון קראָקע איז גענעראַל וויטעמבערג געווען ביז דעם 5-טן פעברואַר 1656. נאַכהער האָט ער די שטאָט-קאָמענדע איבערגעגעבן דעם גענעראַל פ א ו י ל ו ו י ר ט ץ און אַליין איז ער אַוועק צום שוועדישן מיליטער, כדי צוזאַמען מיט דעט קעניג קאַרל גוסטאַוו ווייטער צו פירן די אָקופאַציע פונם לאַנד און צוצושלאָגן די אָפטיילונגען פונם אויפשטענדיקן פוילישן מיליטער.

און אָפטיילונגען פונם פוילישן מיליטער זענען אַנטשטאַנען אין גרויס און קליין פוילן, ווי נאָר דער מלך יאַן קאַזשימיערזש איז צוריק-געקומען קיין פוילן, „און די העטמאַנען זענען געקומען צו אים מיט אַראָפגעלאָזענע אויגן, איבערבעטנדיק אים פאַר זייער פריערדיקן ברעכן די שבועה, און האָבן אים געקושט די האַנט...", דאָס פאָלק האָט זיך צוריק אָנגעהויבן צו זאַמלען אונטער דער פאָן פון דער רעפובליק. עס איז איבערגעריסן געוואָרן דער צופור פון לעבנס-מיטלען קיין קראָקע, און צום ערגסטן געליטן דערפון האָבן די קוזמירער יידן, וועלכע מען פלעגט כאַפן אויפן וועג און אויפהענגען אויף די בוימער. דער הונגער האָט אָנגעהויבן זיך צו באַווייזן אין די יידישע שטובן. ווירטץ האָט ערלויבט די יידן צו קויפן אין קראָקע 120 טעפ תבואה טעגלעך און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין שטאָט אַריין פיל יידן, כדי כאָטש אויפן אָרט צו קענען עסן צו דער

װעט, האָט מען באַגרעניצט די צאָל פֿון די אײַנגאַנגס־ערלױבנישן אױף 200 טעגלעך [1]). „די שװעדן האָבן געטון די ייִדן דעם דאָזיקן חסד — לעזן מיר אין אַ דאַמאָלסטיקער ייִדישער קװעלע — אָבער דאָך זענען פֿיל פֿון אונזערע ברידער בױכשטעבלעך געשטאָרבן פֿון הונגער [2]).

נאַכהער האָבן זיך פֿון דער פּױלישער זײַט אָנגעהױבן פּרוּװן אײַנצונעמען קראָקע, דער שװעדישער גאַרניזאָן איז אָבער געװען גוט פֿאַרבעריײט און דעריבער האָט מען געמוזט אָנהױבן דעם 26/IX 1656. אַ רעגולערע באַלאַגערונג, צװײ מאָל (דעם 27/X און 3/XI) האָט מען באָמבאַרדירט דעם קוזמיר, פֿאַראורזאַכנדיק אין דעם שוין סײַ־װי־סײַ אומגליקלעכן און רוּינירטן שטעטל שרעקלעכע שאָדנס.

דערװײַל האָט זיך די שװעדן אײַנגעגעבן צו באַקומען אַ נײַעם פֿאַרבינדעטן אין דער פּערזאָן פֿונם זיבנבירגישן פֿירשט, ג ע אָ ר ג ר אַ ק אָ ט ש י; באַלד איז אין קוזמיר אַרײַן דאָס זיבנבירגישע מיליטער, װעמענס פֿאָדערשטע װאַך עס האָט זיך קאָנצענטרירט בײַ דער ייִדישער בריק. דעם 28־טן מערץ 1657 איז ראַקאָטשי געשטאַנען אין קראָקע און פֿאַר זײַן כּבוד װעגן האָט װירטץ אײַנגעאָרדנט אַ באַנקעט, אױף װעלכן די בירגער האָבן אָפּגעגעבן כּבוד דעם נײַעם הערשער. אױך ייִדן זענען געקומען און האָבן צו דער שמחה מיטגעבראַכט מיט זיך פֿאַרשידענע מתּנות [3]). פֿון דאַן אָן האָט איבערגענומען די שטאָט־קאָמענדע דער אונגאַרישער מאַגנאַט י אַ ן ב ע ט ל ע ן, אַרמעע־פֿירער פֿון פֿירשט ראַקאָטשין, און װירטץ האָט אין קוזמיר געזאַמלט נײַע כּוחות, כּדי צו קומען צו הילף װיטעמבערגן אונטער זאַמאָשטש. כּדי צו פֿאַרשטאַרקן די מיליטערישע קרעפֿטן, האָט ער צוזאַמענגעשטעלט רײַטער־אָפּטײלונגען פֿון פֿאַרשידענע צופֿעליקע פּערזאָנען, צװישן זײ אױך פֿיל ייִדן, װעלכע מען פֿלעגט כאַפּן אין די גאַסן [4]). ער האָט אָבער מורא באַקומען פֿאַר אַ דורכפֿאַל און איז שנעל צוריקגעקומען אױף דעם קוזמיר, װוּ עס האָבן שױן געהערשט די זיבנבירגער. דעם 18 מאַי האָבן די

1) Sikora, str. 65.

2) טיט היון בספר של ג ו ר ל א נ ד: לקורות הגזרות של ישראל, חוברת 6, עמוד 18.

3) Sikora, str. 93.

4) Sikora str. 96.

קראָקעווער און קוזמירער איינוואוינער געבויגן דעם קאָפּ און געשוואוירן „טרייהייט און אונטערטעניקייט" דעם אַלערהעכסטן טראַנסילוואַנישן הערשער. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די יידן [1].

דערווייל איז צושטאַנד געקומען אַן אָפּמאַך צווישן דעם מלך יאַן קאַזשימירזש און דעם קייזער, און דאָס קייזערלעך-עסטרייכישע מיליטער אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראַלן האַצפעלד און פעטער צוזאַמען מיטן פוילישן מיליטער האָט אָנגעהויבן צו באַשיסן די שטאָט פון דער קוזמירער זייט. ווירטץ האָט צוריקגעצויגן זיין מיליטער קיין קראָקע און דעם קוזמיר אָפּגעגעבן די אונגאַרן, וועלכע האָבן אויף דאָס ניי אַרויסגערופן אַ פּאַניק צווישן די יידן, ראַבירנדיק די סיי-ווי-סיי צעראַבירטע יידישע שטובן און געשעפטן. נישט לאַנג אָבער האָבן די אונגאַרן געקאָנט דערהאַלטן זייערע פּאָזיציעס און שוין דעם 18-טן אויגוסט האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. די אָנפירונג האָט נאָכאַמאָל איבערגענומען גענעראַל ווירטץ. ער האָט, אָבער, באַוויזן זיך צו האַלטן דאָרט קוים צען טעג, ווייל זיין לאַגע איז געוואָרן כסדר אַלץ שווערער. כדי צו פאַרשטאַרקן זיין אַרמעע, האָט ער גערופן די יידן צו פאַרטיידיקן דעם קוזמיר, זיי האָבן אים אָבער אַנטזאַגט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די באַלאַגערער וועגן אָפּגעבן די שטאָט און בשעת מעשה געצוואונגען די יידן אויסצופירן פאַרשידענע מיליטערישע הילפס-אַרבעטן דערביי האָט ער זיי אַרויפגעשטעלט אויף די מויערן אַלס פאַרטיידיקער פון דער שטאָט [2]. דעם 23-טן אויגוסט 1657 זענען די אונטערהאַנדלונגען פאַרענדיקט געוואָרן, די שוועדן האָבן געעפנט די טויערן און די פוילישע פּיעכאָטע איז אַריין אויפן קוזמיר, גלייכצייטיק איז קיין בראָנאָוויצע אַוועק אַ דעפּוטאַציע פון בירגער, כדי צו באַגריסן דעם קעניג יאַן קאַזשימירש, קיין יידן האָט מען אין דער דעפּוטאַציע נישט צוגעלאָזט, און דאָ האָט מען שוין געזען, אויף וועמען מען וויל אַרויפלייגן די שולד. דעם 28/VIII האָט ווירטץ מיט אַ קליינער צאָל שוועדן פאַרלאָזט די שטאָט, אָבער פאַרן אַוועקגיין האָט ער אויסגעפּרעסט פון די יידן, וואָס עס

1) שפּעטער, ווען דער קריסטלעכער עולם האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, האָט ער חושד געווען די יידן, אַז אין נוסח פון זייער שבועה איז געווען דער פּסוק, אַז זיי פאַרפליכטן זיך צו פירן מלחמה מיט פוילן, גלייך ס'וואָלט געווען פאַר יידן אַן אַנדערער נוסח.

2) זייט Morawski: Arjanie polscy. 467

נאָר געלאָזט [1] די אומגליקלעכע יידן האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צום פוילישן קעניג, אָבער ווי קאַלט האָט ער זיי אויפגענומען! זיי זענען דאָך געווען די „פאַררעטער פון לאַנד”, אויף זיי האָט דאָך געלאַסטעט די שולד פאַרן „אומגליק פון דער שטאָט און דעם פאָטערלאַנד”.

דעם 5-טן סעפטעמבער איז דער קעניג מיט דער סוויטע אַריינגעפאָרן קיין קראָקע. ער איז געפאָרן דורכן קוזמיר, ווו ער האָט באַקוקט די מוראדיקע פאַרוויסטונג, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן דורך די שוועדן, אונגאַרן און זיינע אייגענע האַרמאַטן. דרייסיק הייזער זענען געווען געגצלעך צעלייגט, אַלע קירכעס פאַרניכט און צעראַבירט. אין אייניקע פון זיי זענען געווען איינגעאָרדנט שטאַלן פאַר מיליטערישע פערד. נאָך אַן ערגער פנים האָט געהאַט די יידישע שטאָט. די הייזער זענען געווען פולשטענדיק רויִנירט, די פענצטער אויסגעהאַקט, די גראַטעס אַרויסגעריסן, אָדער צעבויגן, די אויוונס צעלייגט, שאַפעס און קאַסטנס צעהאַקט און צעראַבירט, די שטובמעבל צעבראָכן, אַלע חפצים, ווי מלבושים, צירונג און סחורות, צעראַבירט. אין אַ סך הייזער האָבן געפעלט די ראַמען פון די פענצטער. געגצלעך חרוב געוואָרן איז אויך דאָס קהל-הויז, די אַלטע שול, ווי אויך ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלס שול. אין דעם פריוואַט-הויז פון ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלס דעם פרנס-הקהלה זענען געווען אַרויסגעריסן די פענצטער, דאָס הויז פון שמואל פאַקטאָר איז געווען פון פונדאַמענט אויס צעלייגט, דאָס הויז פון ר׳ אהרן דעם ציגגיסער — הרוב, ער אַליין דערהרגעט, דער טיש און די ווענט באַשפריצט מיט בלוט. דעסגלייכן אַנדערע הייזער, ווי למשל פון ר׳ וואָלף יאָלעס, ר׳ יוסף קרענגל, ר׳ אברהם גאָלדשמיד, ר׳ ישראל באָכענסקי, ר׳ שמואל קאָזשוכאָווסקי, ר׳ יעקב אָפּאַטאָווטשיק, ר׳ חיים קוסמאַן, ר׳ וואָלף פאַרבער, ר׳ עוזיאל רופא, ר׳ יעקב מאָראַווטשיק און אַנדערע זענען געוואָרן געגצלעך רויִנירט. צוזאַמען זענען פאַרניכט און חרוב געוואָרן בערך 60 הייזער. אָט דאָס זענען די שפורן פון דער פאַרבינדונג (!) פון די יידן מיט די שוועדן, וועגן וועלכער מען האָט אין שטאָט אַזוי פיל גערעדט [2]. „און אויך איך האָב בייגעוווינט די דאָזיקע

1) Walewski: Historja wyzwolonej Polski za Jana Kazimierza, tom II, str. 101.

2) רעלאַציעס (שלאָס-אַקטן) באַנד 90, זייט 2735.

איבערקערעניש – שרייבט ר׳ אַ ב ר ה ם בן יוסף פון קראָקע – און האָב צוגעזען דאָס דאָזיקע אומגליק פון מיינע ברידער, פון וועלכע פיל זענען אַליין אַריינגעשפרונגען אין וואַסער, כדי אויסצומיידן די פאַרשטייענדע יסורים״ [1].

דעם 4-טן סעפּטעמבער האָט דער קעניג באַזוכט דעם וואַוועל און געזען דעם גרויסן חורבן, וועלכן די שוועדן האָבן דאָרט אָנגעמאַכט. דאָ האָט אים אויפגעזוכט די דעפּוטאַציע פון די קראָקעווער יידן און שילדערנדיק פאַר אים דעם אמתן זאַך-צושטאַנד ביי אים געבעטן חסד און רחמים. בכדי ווי ווייט מעגלעך צו מילדערן זיין באַציונג, האָבן די יידישע חשובי העיר אים געשענקט 60.000 גילדן און דעם עסטרייכישן גענעראַל האַצפעלד 30.000 גילדן. [2] זייער שטאַרק האָט זיך יעצט געמוזט פאַרשולדיקן די רויִנירטע יידישע געמיינדע, בכדי צונויפצוזאַמלען די דאָזיקע סומען. פּראָצענט פון די דאָזיקע חובות האָט מען געצאָלט העכער פון צוויי הונדערט יאָר און די פּראָצענטן מיט די געלד-לייער האָבן דערעסן דאָס לעבן די ראשי-הקהל. אָבער אויך דער דאָזיקער קרבן האָט ווייניק-וואָס געהאָלפן. דער קעניג, וועלכער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן דעם פאַרראַט פון כמיעלניצקין, ראַדזיווילן, די קאַלווינער און די אַריאַנער, האָט געגלויבט אין די אַלע מעשיות, וועלכע עס האָבן אים אָנדערציילט די טאַקע, וועלכע האָבן אַליין נור וואָס געהאַט „געקושט די קעניגלעכע האַנט, און געבעטן ער זאָל מוחל זיין זייער פאַרראַט״. [3] און האָט קיין רחמנות נישט געהאַט איבער „אַנדערש גלויביקע״. דער סיים האָט באַדאַרפן אַנטשיידן איבער די רעכט פון די אַנדערש גלויביקע אין פוילן און האָט זיך טאַקע אַרויסגעזאָגט וועגן די אַריאַנער. מען האָט זיי אַרויסגעשיקט פון לאַנד, דאָס זעלבע האָט אויך געדראָט די יידן און נאָר די פאַרטיידיקונג

---

1) מבוא צום פירוש צו מגילת תענית, אמשטערדאַם, 1658. זע ג ר ע ט ץ : „געשיכטע דער יודען״, באַנד 10, זייט 71.

2) Sikora, str. 117.

3) Korzon; Historja Polski, tom I Kijów, 1918, str. 130.

פון די גלחים, וועלכע עס איז געקומען ביי די יידן אומגעהויערע געלט-סומען, האָט זיי אָפּגעראַטעוועט פונם זעלבן גורל. מען האָט זיי אָבער געוואָלט מאַטעריעל רויִנירן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זענען שוין דורך דער מלחמה געווען פולשטענדיק רויִנירט.

קודם-כל האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן זאָלן צאָלן 200 גילדן אַ וואָך פאַר דער שלאָס-וואַך. און 100 פאַר דער שטאָטישער וואַך. דער דאָזיקער שטייער האָט באַדאַרפן געצאָלט ווערן אָנשטאָט קוואַרטירן פאַר זעלנער, וועלכע מ׳האָט יעצט נישט געקאָנט איינקוואַרטירן ביי יידן, ווייל דער גרעסטער טייל יידישע הייזער איז געווען חרוב. אומזיסט האָבן זיך די יידן געבעטן וועגן אַ הנחה, און ווען מען האָט זיי נאָך פיל סטאַראַניעס און רייזעס נאָך וואַרשע באַפרייט פון דעם קוואַרטיר-שטייער (דעם 31/VIII 1658)[1], האָט דער קראָקעווער שטאָט-ראַט באַלד אונטערגענומען שריט מבטל צו מאַכן די דאָזיקע הנחה, וועלכע זיי האָבן כלומרשט באַקומען „מיט דער הילף פון פאַלש אינפאָרמירן די קעניגלעכע קאַנצעלאַריע”[2]. עס איז טאַקע דערנאָך אַרויס אַ באַפעל, אַז די יידן, וועלכע גייען פון קאַזשימיערזש נאָך קראָקע, זאָלן צאָלן 1 גראָשן טעגלעך אויף צו פאַרריכטן די בריק איבער דער ווייכסל[3].

כדי צו זיין אימשטאַנד צו ערפילן די דאָזיקע שווערע פליכטן, האָבן זיך די קוזמירער מנהיגים געמוזט אַלץ מער פאַרשולדיקן, באַשטייערן אַלע שפייז-אַרטיקלען, נעמען הויכע פאַרמעגנס-שטייערן און אַזוי אַרום נאָך מער באַשווערן דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן אין דער דאָזיקער אומגליקלעכער שטאָט.

און ווי אויף אַ איראָניע, האָט דער קראָקעווער מאַגיסטראַט באַשלאָסן יעצט — ווען די רויִן פון די יידן איז געווען אַ פולשטענדיקע — צו ערליידיקן דעם אַלטן סכסוך וועגן האַנדלס-רעכט. נישט ווילנדיק וואַרטן אויף דער דעציזיע פונם קעניג. אָדער פון דעם סיים, האָט דער

1) Piekosinski: Prawa i Przywileje Krakowa, tom II, str. 1154.

2) דערזעלבער, באַנד 2, זייט 1156.

3) Bersohn: Dyplomatarjusz Nr. 258.

מאַגיסטראַט פשוט געשלאָסן די בריק אויף דער ווייכסל און גאַנצע וואָכן נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן אין שטאָט אַריין. מיטן אויסרייד אַז אויפן קוזמיר הערשט אַן אָנשטעקנדע קראַנקהייט [1].

און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן בקשות און רייזעס נאָך וואַרשע, נייע קאָסטן און נייע אויסגאַבן. די ראשי-הקהל: ר׳ משה ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס און ר׳ יוסף בן שלמה פון איטאַליע זענען מער געזעסן אין וואַרשע, ווי אין קראָקע [2]; געהאָלפן דאָרט אין קעניגלעכן הויף האָט זיי דער הויפט-שתדלן פון דעם ועד ד׳ ארצות, ר׳ מרדכי נעקל [3], ווען דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש האָט „פאַר די טרייע און איבערגעגעבענע פאַרדינסטן בעת דער רעגירונג פון זיגמונט דעם דריטן און וולאַדיסלאַוו דעם פערטן" געגעבן ווין-רעכט אין וואַרשע און אין אָלקוש און נאָך אַנדערע פריווילעגיעס [4].

אָבער די שווערע שטייערן און אפילו די פאַרדינסטן פון ר׳ מרדכין האָבן נישט געקאָנט באַפרייען די יידישע באַפעלקערונג פון ווייטערע באַשולדיקונגען און אומגליקן.

שוין בעת דעם ערשטן ווייַלן פונם קעניג אויפן וואַוועל האָט מען אים דערציילט, אַז די יידן האָבן אָנגעוויזן די שוועדן דאָס אָרט, ווו עס איז געווען פאַרגראָבן איינער פון די טייערסטע קירכע-אַלטאַרן, וועלכער איז אין יאָר 1518 געשענקט געוואָרן דער קירכע דורך דעם קעניג זיגמונט דעם ערשטן. „פאַרן אַריינקומען פון די שוועדן האָט דער גלח שימאָן סטאַראָוואָלסקי דעם דאָזיקן אַלטאַר פאַרגראָבן אויפן בית-עלמין ביי דער קאַטעדרע. דורך עפּעס אַן אומבאַוווּסטן פאַראַט האָבן זיך די שוועדן דערוווּסט פון די קוזמירער יידן (?!), ווו מען האָט אים באַהאַלטן, האָבן אים באַלד אויפגעגראָבן און אים פאַרקויפט דעם ייד פינחס פון דעם קוזמיר [5].

אויף וואָס פאַר אַן אופן די קוזמירער יידן האָבן בכלל געקאָנט

---

1) Pickosinski: tom II, str. 1208 i 1364.
2) Bersohn: Nr. 262.
3) דערזעלבער, נומער 380.
4) דערזעלבער, נומער 382.
5) Kołaczkowski: Wiadomości dotyczące przemysłu i sztuki w dawnej Polsce, str. 694.

וויסן וועגן אַזאַ מין אַלטאַר אין דער וואַוועלער קאַטעדרע און דערצו נאָך, ווי ער איז באַהאַלטן געוואָרן, וועט אויף שטענדיק בלייבן אַ סוד פון דעם שלאָס-קאָמענדאַנט, וואָס האָט דעם דאָזיקן חשד געוואָרפן אויף יידן. אויף אַזוי פיל איז אַ פאַקט, אַז ווער עס האָט געוואָלט און נישט געוואָלט, סיי דאַמאָלט און סיי נאַכהער, האָט אַלץ איבער־געחזרט די דאָזיקע מעשה און אויפן דאָזיקן סמך איז אויסגעוואַקסן די באַשולדיקונג מצד די קירכע-אָרגאַנען קעגן דער יידישער געמיינדע, פאָדערנדיק פון איר דעם ווערט פונם אַלטאַר. דעם 23-טן נאָוועמבער 1658 האָט דער גלח גאָגאָלעווסקי אין נאָמען פון דער קאַטעדרע אַריינגעטראָגן די דאָזיקע באַשולדיקונג 1) און דער פראָצעס האָט זיך געצויגן אַ יאָר צייט. דאָס שלאָס-געריכט האָט פאַרמשפט די קראָקעווער יידן אויף אינפאַמיע (ד. ה., געשטעלט צום שאַנד-סלופּ) און צו פאַרלירן זייערע מאַיאָנטקעס. דעם פסק האָט דער געריכטס-דינער אָפּגעבּרענגט אין דער וווינונג פונם ראש-הקהל, דאָקטאָר דוד, אָבער אַלע קהלס-פרנסים זענען אַנטלאָפן פון זייערע שטובן, נישט וועלנדיק אָפּנעמען דעם דאָזיקן פסק. דער ענין איז דערגאַנגען ביז צום לובלינער טריבונאַל. דער דאָזיקער טריבונאַל האָט לויטן פסק פון 19-טן מאַי 1662 פאַרפליכט די קראָקעווער געמיינדע צו באַצאָלן 10.000 גילדן „פאַרן ערמעגלעכן די שוועדן אויפצוגעפינען דעם אַלטאַר, אים צוצוברעכן און צו פאַרניכטן" 2). פיל יאָרן האָבן די קראָקעווער יידן געצאָלט דער קאַטעדרע ראַטעס פון דער סומע, קרן און ריבית, און נאָך אין יאָר 1741 זענען זיי געווען שולדיק פונם דאָזיקן חוב 313 גילדן.

גלייכצייטיק מיטן דאָזיקן ענין איז אויפגעשווומען די פראַגע וועגן דעם אַוועקשענקען דאָס יידישע קוואַרטאַל אָדער קורצער געזאָגט: דאָס פאַרמעגן פון אַלע „יידן-פאַררעטער" דעם פירשט יעזשי לובאָמירסקי און סטעפאַן קאָריטשינסקי. די דאָזיקע ביידע מאַגנאַטן האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט די יידן וועגן אויסקויפן די דאָזיקע פריווילעגיע. זיי האָבן פאַרן דאָזיקן „רעכט" געוואָלט באַקומען פון די יידן אַ וואָס

1) שלאָס-אַקטן: רעלאַציעס, באַנד 84, זייט 901.
2) די זעלבע אַקטן באַנד 90, זייט 1702—1689.

גרעסערע סומע; די יידישע געמיינדע-קאַסע איז דערווייל געווען ליידיק. דער קעניג אַליין, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט שוין די גאַנצע יידישע שטאָט געהאַט איין מאָל אַוועקגעשענקט, האָט יעצט באַזונדער אַוועקגעשענקט ר׳ אייזיק ר׳ יעקעלעס-שול דעם פּראָבאָשטש פון דער קירך שוו. יאַדוויגאַ אויפן סטראַדאָם, סטאַניסלאַוו דזשאַנאַט, „אויף אַ קירך און אַ שפּיטאָל פאַר דער אָרעמער שלאַכטע“ [1]. די קוזמירער קהלה איז דזשאַנאַטן שולדיק געווען פאַרשידענע אַלטע חובות, זי האָט אים אָבער נישט געצאָלט קיין ראַטעס און אויך נישט קיין פּראָצענט פון די דאָזיקע חובות, דערפאַר האָט דער גלח באַשלאָסן צוצונעמען די שול און זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ קירך. צום דאָזיקן צוועק האָט דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש באַשטימט אַ קאָמיסיע פון הויכע באַאַמטע און אָנגעזעענע גייסטלעכע, וועלכע זאָל זיך פאַרנעמען מיטן אויספאָרשן דעם ענין פון די חובות און מיטן איבערגעבן די שול דזשאַנאַטן. קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס האָבן אָבער פּראָטעסטירט לובאָמירסקי און קאָריטשינסקי. היות זיי איז די גאַנצע יידישע שטאָט — און ממילא אויך די דאָזיקע שול — שוין פ ר י ע ר אַוועקגעשענקט געוואָרן. איינזעענדיק אַז דאָס איבערגעבן די שול דזשאַנאַטן איז טאַקע אין ווידערשפּרוך צו זיין פריערדיקן שענקונגס-אַקט, האָט דער קעניג, לויט אַ פאַראָרדנונג פונם 5-טן מערץ 1658 אָפּגערופן די אויבנדערמאָנטע קאָמיסיע און באַפוילן די יידן דורכצוקומען מיט דזשאַנאַטן [2]. און באמת האָבן זיך די מנהיגי-הקהל אויסגעגלייכט מיט דעם גלח, געבנדיק אים באַלד 600 פוילישע גילדן און פאַרפליכטנדיק זיך צו צאָלן אים נאָכהער צו 500 גילדן במשך 5 יאָר. אָבער שוין נאָכן ערשטן יאָר האָבן די יידן נישט געצאָלט די ראַטע צו דער צייט, צוליב וועלכן דער ענין איז ווידער-אַמאָל דערגאַנגען צום קעניג. זעענדיק ענדלעך, אַז וואָס אַמאָל לייגט מען אויף זיי אַרויף נייע פאַרפליכטונגען, האָבן די קראָקעווער יידן באַשלאָסן צו בעטן וועגן אַ מ אָ ר אַ ט אָ ר י ו ם, וועלכן זיי האָבן

---

1) שלאָס-אַקטן: רעלאַציעס, באַנד 48, זייט 736—737.

2) Archiwum glówne w Warszawie, Metryka koronna, tom 196 str. 145.

טאַקע באַקומען אויף 6 חדשים, רעכנענדיק פונם דריטן סעפּטעמבער 1659 [1].

די פראַגע וועגן דעם, לובאָמירסקין און קאָריטשינסקין, אַוועקגעשענקטן יידישן פאַרמעגן איז אין די אָפיציעלע אַקטן עפּעס איבערגעריסן געוואָרן. וואָרשיינלעך איז אויך דער דאָזיקער ענין פאַרענדיקט געוואָרן דורך אַ גרעסערע סומע אויסקויף-געלט, הגם דער דאָזיקער קעניגלעכער „אַקט" איז פון אָנהייב אָן אויסגערעכנט געוואָרן בלויז אַרויסצובאַקומען פון די יידן אויסקויף-געלט. ווער עס האָט געוואָלט, ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט, האָט די יידן געריסן, געשלאָגן און וואָס אָפּטער אָנגעמאַכט אַ טומל אין דער יידישער שטאָט, אָנפאַלנדיק אויף די יידישע סוחרים. גלייכצייטיק האָט זיך, ווי אַן עכאָ פון דער שוועדישער אינוואַזיע, געצויגן אין לובלינער טריבונאַל דער פּראָצעס וועגן די אין יאָר 1655 דורך בראַניצקין און פשעצלאַווסקין צוגערויבטע יידישע סחורות און פאַרמעגנס פון די קעלערס פון מישקאָווסקיס און היפּאָליטס הייזער אויפן קראָקעווער מאַרק. נאָך אין יאָר 1676 האָט ר' משה ר' איזיק ר' יעקלס, דאַמאָלסדיקער ראש-הקהל אין נאָמען פון דער קהלה אַריינגעטראָגן אַ באַשולדיקונג קעגן די יורשים פונם פאַרשטאָרבענעם כאָראָנזשי פשעצלאַווסקי, נעמלעך קעגן זיינע טעכטער זאָפיאַ קמיטאַ, זוזאַנאַ גזשיבאָווסקאַ און דריי פריילינס, דעסגלייכן קעגן די יורשים פונם הויף-מאַרשאַלעק בראַניצקי: קעגן דער אלמנה קאַטאַרינאַ בראַניצקאַ און דעם זון מיקאָליי, אָנקלאָגנדיק זיי, אַז „זייערע עלטערן האָבן צוזאַמען מיט אַ המון באַקאַנטע זיך אַריינגעריסן אין די יידישע געוועלבער און סקלאַדעס אויפן קראָקעווער מאַרק און זיי פולשטענדיק צעראַבירט" [2]. ווי עס שיינט, האָט דער טריבונאַל אין דעם יאָר די דאָזיקע ספּראַווע פאַרענדיקט, ווייל דעם 15-טן יוני 1677 האָט די אַלמנה פונם אויבנדערמאָנטן ראש-הקהל, שרה אלמנת ר' משה ר' איזיק ר' יעקלס פאָרגעלייגט דעם פסק פונם טריבונאַל, בעטנדיק וועגן אַן עקזעקוציע-באַפעל קעגן די דאָזיקע פריצים און פריצות.

---

1) קראָקעווער שלאָס-אַקטן, באַנד 90, זייט 1689—1702.

2) קראָקעווער שלאָס-אַקטן באַנד 90, זייט 8—2174, באַנד 100, זייט 1665 און באַנד 104, זייט 1704.

צי האָט די מאַכט אַזאַ באַפעל אַרויסגעגעבן און צי האָט שרה אָפּגענומען כאָטש אַ טייל פונם צוגערויבטן פאַרמעגן, וועגן דעם שווייגן די שטאָטישע און געריכטלעכע אַקטן.

---

# דיפּלאָמאַטישע אינטערווענץ

## אין דער פּראַגע וועגן די קראָקעווער יידן (1775—1776)

אין יאָר 1495 האָט דער קעניג יאַן אָלבראַכט אַרויסגעטריבן די יידן פון קראָקע און זיי ערלויבט זיך צו באַזעצן אינם שכנותדיקן קוזמיר, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אַ באַזונדערע שטאָט. זייט דאַן וווינען די קראָקעווער יידן אין דער „יידישער שטאָט“, אין קוזמיר, און פירן זייער האַנדל אין קראָקע. דאָ האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אויפן גרויסן און קליינעם מאַרק-פּלאַץ און אינאָוונט זיך אומגעקערט אין זייערע שטובן אויפן קוזמיר. אין קוזמיר געפינט זיך דאַן דאָס זיץ-אָרט פון דער „קהלה קדושה ע״נ ויסלה ווילגה“, אָדער ווי זי הייסט אין די אָפיציעלע אַקטן: „געמיינדע פון די אומגלויביקע יידן“. דאָ געפינען זיך די שולן און געבעט-הייזער, בית-עלמינס, מקואות, די יידישע קהלה-פאַרוואַלטונג א. אַז ו. במשך עטלעכע יאָר-הונדערטער באַמיען זיך די קוזמירער יידן וועגן באַקומען וווין-רעכט אין קראָקע, אָבער אומזיסט. זאָגאַר נאָך דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון קוזמיר דורך די שוועדן (1655) האָט מען זיי נישט ערלויבט כאָטש צייטווייליק זיך צו באַזעצן אין קראָקע און אַפילו נישט צו נעכטיקן דאָרט אין זייערע געוועלבן און מאַגאַזינען. די קראָקעווער בירגער שטרעבן מיט אַלע ערלויבטע און נישט-ערלויבטע מיטלען צו באַזייטיקן די יידישע געוועלבן און מאַגאַזינען פון שטאָט, די האַנטווערקער-יוגנט, טיכטיק אונטערגעשטיצט דורך שילער פון די קראָקעווער שולן, אָרדנט כסדר איין אָנפאַלן אויף יידישע סוחרים און הענדלער, און דער פּראָצעס וועגן האַנדלס-רעכט פון די יידן אין קראָקע ציט זיך דורות-לאַנג, ווערנדיק פון צייט צו צייט איבערגעריסן אויף עטלעכע יאָר דורך אָפּמאַכן, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן אַ „הסכם אויף אייביקע צייטן“. דער קראָקעווער מאַגיסטראַט און די קוזמירער קהלה גיבן אויס

אומגעהייערע סומען אויף אַדוואָקאַטן, פּאַרטיידיקער, רייזעס, געריכטלעכע אויפפּאָדערונגען, אָנפראַגן און תשובות, מאַניפעסטאַציעס און באַריכטן, באַשייניקונגען און דאָקומענטן, אויסצוגן און רעגיסטרירונגען. הונדערטער שרייבער און שרייבערלעך ציען דערפון אַ שטענדיקע הכנסה, ד. ה. האָבן דערפון זייער פרנסה און טויזנטער געגז שטעלן צו פעדערן פאַרן ים טינט, וועלכע ווערט אויסגעגאָסן אויף אַזוי פיל פאַרמעט און פראָסט פאַפיר.

אַזוי זענען אַריבער כמעט דריי הונדערט יאָר. דורות זענען געבוירן געוואָרן, חתונה געהאַט און אויפן אַלטן קוזמירער בית-עולם באַגראָבן געוואָרן, די וועלט האָט עטלעכע מאָל געביטן איר פּרצוף, אויף די אַמטן האָבן זיך געביטן די פּראָ-קאָנסולן פון דער קעניגלעכער שטאָט קראָקע און די מנהיגים פון דער יידישער קהלה אין קוזמיר, און דער פראָצעס האָט אַלץ ווייטער געדויערט, כאָטש יעדער פון די קעמפנדע צדדים האָט אים גערן געוואָלט פאַרענדיקן. די יידן האָבן ווייטער געוווינט אין קוזמיר און ווייטער געפירט זייער האַנדל אין קראָקע און די הערן ראַטמענער, לאַוניקעס, בעל-מלאכות און צעך-מייסטער האָבן מיט יעדן יאָר אויסגעקלערט אַלץ נייע שטיקלעך, בכדי צו באַשווערן די „אומגלויביקע" און פאַרעקשנטע קאָנקורענטן זייער האַנדל און זייער לעבן.

אינמיטן דערין האָט דאָס בלינדע גורל פון דער געשיכטע אויף עפעס אַ וווּנדערלעכן אופן אַ שמייכל געטון דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1772 און מיט אים — די ערשטע צעטיילונג פונם אומגליקלעכן פוילן. די נייע גרעניץ צווישן פוילן און עסטרייך בילדעט אין דער זייט פון קראָקע די ווייסל. און ווייל צו יענער צייט איז די ווייסל געפלאָסן דורך דער היינטיקע דיעטל-גאַס, איז קראָקע פאַרבליבן ביי פוילן און קוזמיר איז געוואָרן אַ עסטרייכישע שטאָט און באַהעפט צום קרייז וויעליטשקאַ. דאָ האָט איבערגענומען די מאַכט דער באַאַמטער „פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט", קרייז-קאַפּיטאַן יאָזעף פאָן באַום, וועלכער איז באַקאַנט פון זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט אין זאַמאָשטש בעת די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. אויף דער בריק, וועלכע בינדט די קראָקעווער גאַס מיט סטראַדאָם, איז געוואָרן אַוועקגעשטעלט אַ צאָל-קאַמער און איינס פון

די הייזער ביים ברעג איז כּדרך „רעקוויזיציע" פאַרנומען געוואָרן אויף אַ קאָשאַר פאַר די פינאַנץ-יעגערס און וווין-לאָקאַלן פאַר די צאָל-באַאַמטע. באַזונדערס שלעכט איז יעצט געוואָרן די יידן, וועלכע האָבן געהאַט זייערע געוועלבן אין קראָקע און די שטובן און מאַגאַזינען אין קוזמיר. מיט איין קלאַפּ איז זייער פאַרמעגן צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן, די סחורות האָבן זיי נישט געקאָנט איבערפירן אָן אַ צאָל-אָפּצאָל נישט פון די געוועלבן אין די מאַגאַזינען און נישט פאַרקערט.

און אָט ווענדט זיך די קהלה מיט „איין אַלעראונטערטעניקסטעס געזוך" צו דער קייזערין מאַריאַ טערעזיאַ, בעטנדיק וועגן מבטל-מאַכן די צאָל-גרעניץ, ווייניקסטנס כאָטש פאַר יענע סוחרים, וועלכע וווינען אין קוזמיר. די דאָזיקע בקשה, אונטערגעשריבן דורך צוועלף „אונטערטעניקסט געהאָרכזאַמע קנעכטע" מיטן פרנס-החודש ר' שלמה שיעמאַן בראש און קאָנטראַסיגנירט (באַשטעטיקט די ריכטיקייט פון די אונטערשריפטן) דורך פינחס בן יהושע — „קאַסיר און געמיינגעשווווירענער", איז געבליבן אָן אַן ענטפער, און דערווייל איז אין קוזמיר איינקוואַרטירט געוואָרן מיליטער אונטער דער קאָמענדע פונם פּאָרוטשניק מאַנזאַק, צו וועמען עס האָט אויך געהערט די מיליטערישע קאָנטראָל איבער דער גרענעץ-וואַך. דער קרייז-הויפּטמאַן פאָן באַום האָט געהייסן פאַררעגיסטרירן אַלע יידן און באַפוילן דער גרענעץ-וואַך גענוי אַכטונג צו געבן אויף די, וועלכע גייען טעגלעך נאָך קראָקע. דאָס האָט געגעבן דעם אָנהייב פון פיל שיקאַנען און באַשווערונגען; אָפט האָבן די גרענעץ-היטער נישט געוואָלט דורכלאָזן די יידן קיין קראָקע און דאַן האָט מען דאָרט נישט געעפנט די געוועלבן און סקלאַדעס, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ צערודערניש אין שטאָט. טאָמער איז דאָס אומגליק נאָך געווען ווייניק, האָט דער קראָקעווער מאַגיסטראַט באַשלאָסן אויסצונוצן דעם דאָזיקן ניי-געשאַפענעם מצב און איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרענדיקן דעם אייביקן פּראָצעס וועגן יידישן האַנדל. פון יאָר 1772 זענען די יידן געוואָרן פאַקטיש אויסלענדער, וועלכע האָבן נאָר מיט גרענעץ-שיינען געקאָנט אַריבער נאָך קראָקע. די מאַגיסטראַט-אָנפירער איז, אַלזאָ, נישט-שווער געווען פאָרצושטעלן אין וואַרשע דעם דאָזיקן אומנאָרמאַלן צושטאַנד, באַזונדערס אַדאַנק דעם, וואָס די יידן, אַלס

עסטרייכישע אונטערטאַנען, איז נישט ערלויבט געווען זיך צו שטעלן פאַר דער פוילישער מאַכט.

די דעלעגאַטן פון מאַגיסטראַט אין דער סוחרים-פאַראייניקונג, פאַרזען מיט באַפולמעכטיקונגען און באַוואָפנט מיט פריווילעגיעס און דעקרעטן פון אַלע פוילישע מלכים, זענען אַרויסגעפאָרן נאָך וואַרשע און שנעל אָנגעהויבן זיך משתדל זיין וועגן דאָזיקן ענין ביים ראַט אָדער אַזוי-גערופענער „אומאויפהערלעכער קאָמיסיע". די קוזמירער און קראָקעווער יידן האָבן פון גאָרנישט געוווּסט, אָבער זייער שטענדיקער באַפולמעכטיקטער אין וואַרשע, ה' דוד פייטעל, האָט זיך שנעל דערוווּסט וועגן דער דראָענדער געפאַר און אָנגעשריבן אַ לענגערן בריוו נאָך קראָקע. אינם דאָזיקן בריוו, געשריבן אויף יידיש, טיילט דוד פייטעל מיט, „אַז די (קראָקעווער) בירגער וועגדן אָן פיל פלייס ביי די הערן פון פאַרלאַמענט", כדי אונטערצוברענגען דעם יידישן האַנדל. ער אַליין איז שוין געווען ביי אַ יידישן אַדוואָקאַט, האָט אים אָבער נישט געטראָפן אין שטוב. צומאָרגנס איז ער ביי אים ווידער געווען, ער האָט אָבער ביי אים נישט באַקומען קיין הילף. ער האָט אַלזאָ אַריבערגעשיקט זיין פאַרטרעטער ר' שלמה ישעיהס „צו אַ גרויסן מאַן", פון וועמען מ'האָט זיך דערוווּסט, אַז די פראַגע וועגן די קראָקעווער יידן שטייט זייער שלעכט. „דער גרויסער מאַן" האָט געראָטן, אַז מ'זאָל דורך אַ ספּעציעלן שליח מודיע זיין וועגן אַלעם די קראָקעווער ראשי-הקהל און זיי באַפעלן תיכף-ומיד „פער עקסטראַ פאָסט" צו קומען קיין וואַרשע. „דער אומאויפהערלעכער ראַט" האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען יעדן דינסטיק און פרייטיק און „דער גרויסער מאַן" האָט זיך פאַרפליכטעט, צו פאַרציען דעם דאָזיקן ענין איבער נאָך צוויי זיצונגען, כאָטש דאָס איז זייער שווער געווען, „און די קראָקעווער בירגער דרייען זיך אַרום דעם ענין מיט ערפאָלג". דער בריוו פון דוד פייטעל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 4טן אויגוסט 1775 און שוין נאָך עטלעכע טעג איז ער דערהאַלטן געוואָרן אין קוזמיר. אין דער אַלטער קהל-שטוב, א. ג. יידישן ראַט-הויז, איז פאָרגעקומען אַ שטורמישע זיצונג פון די קהלה-פרנסים צוזאַמען מיט סוחרים און בעלי-מלאכה און דאָ איז באַשלאָסן געוואָרן, צו ווענדן זיך צום קרייז-הויפּטמאַן מיט אַ בקשה וועגן אַ רייזע-ערלויבניש נאָך וואַרשע. צומאָרגנס

זענען די פּרנסים אַוועקגעפאָרן נאָך וויעליטשקאַ און זיך פאָרגעשטעלט דעם שטרענגן קרייז-הויפטמאַן. באַום האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אויסגעהערט זייערע אויספירונגען, ער האָט אָבער געפאָדערט צו דערלאַנגען וועגן דעם אַ שריפטלעכע בקשה. מ׳האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ שרייבער און ענדלעך איבערגעגעבן באַומען אַ ביט-שריפט, נאָכאַמאָל אונטערגעשריבן דורך די זעלבע צוועלף „אונטערטעניקסט געהאָרכזאַמע קנעכטע“ און דעם סעקרעטאַר פון דער קהלה. באַום האָט די דעפּוטאַציע משלח געווען און די יידישע בקשה אַליין אַוועקגעשיקט צום גובערנאַטאָר קיין לעמבערג מיט אַן אָפּזאָג-פאָרשלאַג. אין זיין מאָטיווירונג, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אויף דער זעלבער בקשה, שרייבט דער קרייז-הויפטמאַן, אַז ער באַשטייט נישט אויף דער דאָזיקער רייזע נאָך וואַרשע, ווייל זי דאַרף צופיל קאָסטן און, אויסער דעם, קאָנען אַמאָל די יידן פאַרגעסן, אַז זיי זענען אונטערטאַנען פון איר קייזערלעכער מאַיעסטעט און זיך פאַרפליכטן צו וועלכע ס׳איז אָפּצאָלונגען, אַ זאַך, וועלכע רירט אָן די סוּווערעניטעט פון עסטרייך. ביים סוף פון זיינע אויספירונגען פרעגט ער „העכסט-אונטערטעניק“, צי מען וואָלט נישט געקאָנט באַאויפטראַגן דעם עסטרייכישן געזאַנדטן אין וואַרשע צו אינטערווענירן וועגן דעם דאָזיקן ענין און אים ערלויבן אַליין אָנצושרייבן אַ בריוו צום פירשט אויגוסט סולקאָווסקי, דעם פאָרזיצנדן פונם אומאויפהערלעכן ראַט. דאָס גאַליצישע גובערנעמענט האָט זיך אָבער באַטראַכט פאַר נישט-קאָמפּעטענט אין דער זאַך און האָט שנעל, דען שוין דעם 6טן אויגוסט, אָפּגעשיקט דעם גאַנצן אַקט נאָך ווין מיט אַ ביטע וועגן אַ אינסטרוקציע. דאָס גובערנעמענט וואָרנט פאַר דער געפאַר, וועלכע דראָט די קראָקעווער יידן אין פאַל, ווען דער אומאויפהערלעכער ראַט זאָל זיי פאַרווערן צו האַנדלען אין קראָקע, און דערמאַנט אין דעם שאָדן פאַרן מלוכה-אוצר, וואָס דאָס וואָלט פאַראורזאַכט.

בעת דער דאָזיקער שרייבעריי פון וויעליטשקאַ נאָך לעמבערג און פון דאָרט נאָך ווין איז די יידישע פראַגע געקומען אויפן טיש פון דער אומאויפהערלעכער קאָמיסיע און דאָ האָט מען זי איבערגעשיקט דעם אַסעסאָרן-געריכט, מיט דער באַמערקונג, אַז שוין יעצט איז דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט ערלויבט צו באַזייטיקן די יידישע סוחרים פון שטאָט. שוין דעם 11טן סעפטעמבער 1775 האַט דער קראָקעווער

מאַגיסטראַט געלאָזט פובליקירן איבער דער גאַנצער שטאָט און די פאָרשטעט, „אַז ביז פיר וואָכן דאַרפן די יידן אויספאַרקויפן זייערע סחורות אין קראָקע אָדער זיי איבערפירן קיין קוזמיר, אַנישט וועט מען זי קאָנפיסקירן". אַן אימה איז געפאַלן אויף די יידישע סוחרים. זיי האָבן געזען, אַז אויף אַ לעגאַלן וועג וועלן זיי גאָרנישט אויפטון און, נישט וואַרטנדיק אויף אַ רעזאָלוציע פון ווין, האָבן זיי שנעל אַוועקגעשיקט אַ דעפוטאַציע נאָך וואַרשע. די זאַך האָט זיך אָבער נישט געלאָזט באַהאַלטן פאַרן וואַכזאַמען אויג פון די עסטרייכישע באַאַמטע און באַום האָט נישט ערלויבט צו באַצאָלן די רייזע-הוצאות פון דער דעפוטאַציע פון דער קהלה-קאַסע און אויך פאַרבאָטן צו שיקן איר נאָך וואַרשע געלט און נויטיקע באַפולמעכטיקונגען.

די קראָקעווער פרנסים האָבן זיך געפונען, ווי אין דער קלעם, שנעל אָבער האָבן זיי זיך אָריענטירט אין דער לאַגע און גענומען זוכן אַן עצה. די קראָקעווער יידן האָבן געהאַט אין ווין אַ קאָמיסיאָנער, געהייסן האָט ער יצחק בן דוד, אויף דייטש איזאַק קריעגסהאַבער. האָבן זיי באַשלאָסן אים נעמען צו הילף און צו דעם צוועק אים דורך אַ „ספעציעלן שליח" געשיקט אַ באַפולמעכטיקונג, אונטערגעשריבן דורך די באַוווּסטע צוועלף פרנסים. די יידן האָבן מורא געהאַט זי צו שרייבן אין קראָקע אויף דייטש, כדי מען זאָל זיך נישט אַמאָל דערוויסן דערפון אין פאָליציי-אַמט, און האָבן דעריבער געשיקט אַ העבּ-רעישע באַפולמעכטיקונג. קריעגסהאַבער האָט זי אין ווין געלאָזט איבערזעצן דורך דעם „קייזערלעך און קעניגלעכן איבערזעצער", אויגעניוס רודאָלף האָרוויץ, און האָט צו דער קייזערין גלייך אַריינ-געשיקט צוויי פעטיציעס. אומאָפהענגיק פון די דאָזיקע בקשות, אין וועלכע מ'האָט זיך געקלאָגט אויף באַומען, האָט קריעגסהאַבער אָנגעהויבן צו גיין צו „הויכע לייט" און זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ'דאַרף די יידן ערלויבן די רייזע נאָך וואַרשע, דען דאָס וועט אויך זיין לטובת דער מלוכה.

אין דער צייט, ווען קריעגסהאַבער האָט זיך באַמיט אין ווין, איז די קראָקעווער יידישע דעפוטאַציע אין וואַרשע אויך נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק. כאָטש זי האָט נישט געהאַט קיין באַפולמעכטיקונגען און קיין גענוגנדע געלט-מיטלען, האָט זי דאָך אונטערגענומען אַ שטורמישע



19. די מצבה פון דעם פרנס אין לעמבערג ר׳ נחמן בן יצחק (נפטר 1618), אויף דער אנדערער זייט דער נוסח המצבה פון זיין ווייב רוזאַ (די גילדענע רויזע). זע זייט 108.



20. די גראָדזקאַ גאַס אין לובלין.



21. דער יידישער טויער אין לובלין.

קעגן-אַקציע אויף צוויי זייטן: ביי מלאָדזשעיאָווסקין און ביי רעוויצקין. פירשט ביסקופּ מלאָדזשעיאָווסקי איז געווען קרוין-קאַנצלער און צו אים האָבן זיך געווענדט די יידישע דעלעגאַטן מיט אַ ביטע, געשריבן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. באַראָן רעוויצקי איז געווען עסטרייכישער געזאַנדטער אין וואַרשע און אויך צו אים זענען געקומען די יידישע דעלעגאַטן, בעטנדיק וועגן הילף.

רעוויצקי האָט בריוולעך פאָרגעשטעלט דעם ענין פאַר קאַוניצן דעם עסטרייכישן קאַנצלער אין ווין און זיין בריוו, דעסגלייכן דער באַריכט פונם גאַליצישן גובערנעמענט און די באַמיונגען פון קריגס-האַבערן האָבן געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון די מאָסגעבנדע ווינער פאַקטאָרן אויף דער וויכטיקייט פונם קראָקעווער ענין. די הויף-קאַנצעלאַריע האָט באַאויפטראַגט רעוויצקין פאָרצושטעלן דעם ענין דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט און דער אומאויפהערלעכער קאָמיסיע און גלייכצייטיק באַפעלט זי באַומען, ער זאָל שנעל אַוועק אין קראָקעווער מאַגיסטראַט און אין נאָמען פון דער ווינער רעגירונג באַלייגן אַ שריפטלעכן פראָטעסט מיט דער באַמערקונג, אַז דער ענין איז אַ געגנשטאַנד פון דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען צווישן די הויפן. „די עסטרייכישע רעגירונג פאָדערט פאָרלויפיק פון קראָקעווער מאַגיס-טראַט, צו פאַרלענגערן דעם טערמין פון אויסליידיקן די יידישע געוועלבן אין קראָקע, ווייל אין קעגנפאַל וואָלט מען געווען געצוווּנגען, צו פאָדערן פאַרגיטיקונג פאַר די פאַראורזאַכטע שאָדנס ביי די, וועלכע האָבן געוואַגט צו דעם צו ברענגען". דער קרייז-הויפטמאַן, באַקומענדיק אַזאַ מין באַפעל, האָט זיך גלייך אָנגעטון דעם דריי-עקיקן קאַפּעלוש, צו-געשנאָלט דאָס שווערדל און שנעל אַוועקגעפאָרן נאָך קראָקע, כּדי אין נאָמען פון איר קייזערלעך מאַיעסטעט צו באַלייגן אַן עפנטלעכן פּראָטעסט און צו פאָדערן „אָפּצולייגן דאָס צוואַנגהאַפטע באַזייטיקן די יידן פון זייערע געשעפטן". די הערן ראַטמענער – כאָטש זיי האָבן געהאַט אין האַנט דעם וואַרשעווער באַפעל – האָבן מורא באַקומען פאַר די דראָונגען פונם דאָזיקן קרייז-באַאַמטן, וועלכער האָט דאָ, לעבן דער שטאָט, געהאַט זיינע לאַנדס-דראַגונער, און האָבן גלייך אָפּגערופן זייער באַפעל, הייסנדיק צוריק עפענען די יידישע געוועלבן, וועלכע מען האָט אין דער צווישן-צייט געהאַט פאַרשלאָסן. בלויז אַ באַשיידענע באַמערקונג האָבן

די קריסטלעכע קראָקעווער סוחרים געמאַכט, אַז אויך זיי וואָלטן וועלן געניסן פון דער קייזערלעכער גנאַדע און זאָלן מעגן עפענען אין קומיר פּיליעס פון זייערע קראָקעווער סקלאַדעס.

אַ שווערערע אויפגאַבע פאַר באַזומען האָט געהאַט רעוויצקי. נאָכן ערהאַלטן דעם ווינער אויפטראַג איז ער אַוועק צום קאַנצלער מלאָדזשעיאָווסקי, בעטנדיק אים פאָרלויפיק בלויז וועגן אָפּהאַלטן די עקזעקוציע. „איך האָב אים פאָרגעשטעלט באַשיימפערלעך — ערקלערט רעוויצקי אין זיין באַריכט — נישט בלויז די גערעכטיקייט פון מיין פאַרלאַנג, נאָר האָב אויך אָנגעוויזן אויף דער געפאַר, וועלכע איז פאַרבינדן מיטן דאָזיקן ענין, און אַז מיין אַלערהעכסטן הויף וואָלטן נישט געפעלט נישט קיין מיטלען און נישט קיין געלעגנהייטן אין דער געהעריקער צייט און אָרט צו באַשטראָפן פאַר אַזאַ מין נישט-פריינטלעכן באַנעמען זיך“.

אויף אַזאַ שאַרפער אַוועקשטעלונג פון דער פראַגע האָט דער קאַנצלער געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין השפעה אויפן אומאויפהערלעכן ראַט, דען דאָ גייט נישט וועגן אַ פּאָליטישן ענין, נאָר וועגן אַ געריכטלעכן סיכסוך, און ווען ער זאָל וועלן מיסברויכן זיין איינפלוס, וואָלט ער פאַרן קומענדן סיים זיך געמוזט פאַרענטפערן. „די יידן האָבן נישט אויף זייער זייט די גערעכטיקייט און דעריבער באַמיען זיי זיך צו פאַרציען דאָס אויספירן דעם אורטייל. אויב מען וועט זיי געבן אַ פאַרלענגערונג אויף אַ יאָר, וועט נאָכן יאָר זיין דאָס זעלבע, וואָס היינט. שוין מיט אַ צייט צוריק האָט זיי אין קאָנטומאַץ פאַרמשפּט דער קאַנצלער מאַלאַכאָווסקי און אויך דער קראָקעווער קאַשטעלאַן בראַניצקי האָט דעם פּסק באַשטעטיקט, כאָטש די יידן האָבן געפּרוּווט באַאיינפלוסן לטובת זיך“. מלאָדזשעיאָווסקי האָט געוויזן רעוויצקין אַ קאָפּיע פון דער פּעטיציע פון די יידישע דעלעגאַטן אַלס באַווייז, אַז זיי בעטן וועגן אַ באַגנעדיקונג, נישט וועגן גערעכטיקייט און אַז זיי פאַרשטעלן זיך נאָך מיטן פאַרבאָט צו פאָרן קיין וואַרשע, וועלכע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן קרייז-הויפטמאַן באַזום. רעוויצקי האָט די דאָזיקע יידישע פּעטיציע צוגענומען און געפאָדערט פון מלאָדזשעיאָווסקין אַ שריפטלעכע תּשובה. דעם 9טן נאָוועמבער 1775 האָט מלאָדזשעיאָווסקי געגעבן דעם געפאָדערטן ענטפער און רעוויצקי

האָט אים אָפּגעשיקט קיין ווין מיט דער באַמערקונג, אַז ער איז „טונקל און נישט-דרייסט און אַנטהאַלט אַ פאַרדרייטן, אָבער אַנטשידנדן אָפּזאָג“. רעוווצקי האָט באַטראַכט די נאָטע פאַר פאָרמעל נישט אין אָרדענונג, ווייל זי איז געווען אונטערגעשריבן בלויז מיטן נאָמען פון קאַנצלער און האָט נישט אַנטהאַלטן די געהעריקע פאָרמולע, וועלכע דאַרף זיך געפינען אויף אַזעלכע אַרט בריוו. גלייכצייטיק האָט ער אויך מיטגעטיילט קוניצן, אַז עס האָט אים באַזוכט דער פירשט סולקאָווסקי, וועמען ער האָט אויף אַ נישט צווייִדייטיקן אופן אויסגעדריקט זיין ערשטוינונג איבער דעם וווּנדערליכן פאַרהאַלטן זיך לגבי די בקשות פון דער קייזערין. „איך האָב פאַר אים גאָרנישט קיין סוד געמאַכט פון מיין פאַרוווּנדערונג איבער דעם באַנעמען זיך פונם קאָנסעיל — לעזן מיר אין זיין רעלאַציע פאַר ווין — איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גלויב נישט צו לייסטן דעם קאָנסעיל גוטן דינסט, אויב איך וועל זיין אומאָנגענעמען ענטפער דאַרפן איבערשיקן מיין אַלערהעכסטן הויף... איך וויל עס אָבער צו-נישט מאַכן אין דער האָפענונג, אַז דער קאָנסעיל וועט פון זיך זעלבסט אָננעמען אַ ריכטיקן און אָנשטענדיקן באַשלוס“. סולקאָווסקי האָט געענטפערט, אַז ער זעלבסט האָט אויף דער ראַט-זיצונג אונטערגעשטיצט די אינטערעסן פון די קראָקעווער יידן און עסטרייך. די שוועריקייט ליגט אָבער אין פּאָליטישער הינזיכט, נעמלעך, וועמען אונטערליגן די קראָקעווער יידן? פוילן שטרעבט צו רעגולירן די גרענעץ און וואָלט געוואָלט צוריקבאַקומען קוזמיר און דאָס אָנערקענען די דאָרטיקע יידן פאַר אונטערטאַנען פון קייזער, וואָלט באַדייט דאָס אָפּזאָגן זיך פון קוזמיר אויף שטענדיק. זאָלן זיך די יידן שטעלן פאַרן אַסעסאָריאַל-געריכט אַלס פוילישע אונטערטאַנען און דאַן וועט מען וואַרטן ביזן סוף פון פּראָצעס. דערין איז באַשטאַנען די שוועריקייט אינם סטיליזירן די נאָטע און דערפאַר איז זי אַרויסגעקומען אַזוי נישט קלאָר און פאַרוויקלט. רעוויצקי האָט ערקלערט, אַז דאָס אָפּהאַלטן פון דעם אַרויסוואַרפן די יידן פון זייערע געשעפטן אַנטשיידט נישט די פּראַגע וועגן זייער בירגערלעכער אָנגעהעריקייט, הגם שוין זייט דעם יאָר 1772 געהער קוזמיר פּאַקטיש צו עסטרייך. סולקאָווסקי האָט צוגעזאָגט נאָכאַמאָל פאָרצושטעלן די גאַנצע זאַך פאַרן אומאויפהערלעכן ראַט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט גאַראַנטירן פאַרן רעזולטאַט.

דער דאָזיקער צוזאָג האָט רעוויצקין נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געקאָנט קוניצן און האָט געוווּסט, אַז מיט הבטחות וועט ער אים נישט באַפרידיקן, און דעריבער האָט ער זיך געווענדט גלייך צום פוילישן קעניג. „איך האָב זיך געפרעגט וועגן דעם ביים קעניג – שרייבט ער אין דער רעלאַציע קיין ווין דעם 15-טן נאָוועמבער 1775, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט זיך נישט באַטייליקט אין די לעצטע זיצונגען פונם אומאויפהערלעכן ראַט, ער וועט זיך אָבער באַמיען אַלס גוט צו ערלעדיקן. צומאָרגנס האָט זיך ביי מיר באַוויזן סולקאָווסקי און מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מ'וואָלט אַלץ געטון, ווען די יידן זאָלן זיך דעצידירן צו שטעלן פאַר דעם „אַסעסאָריאַל-געריכט". אַזאַ ענלעכן ענטפער האָט אויך געגעבן רעוויצקין דער פירשט מלאָדזשעיאָווסקי – רעלאַציע פונם 9 דעצעמבער 1775 – מיטן צוגאָב, אַז אין פאַל, ווען די יידן וועלן פאַרשפילן דעם פראָצעס, וועט דאָס אויספירן דעם אורטייל אָפגעלייגט ווערן, אויב, ווידער, זיי וועלן אים געווינען, וועלן זיי דאָך אַוודאי מעגן פריי האַנדלען".

רעוויצקיס רעלאַציעס האָבן קוניצן און זיינע ראַטגעבער איבער-געצייגט, אַז פאַר די יידן איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי זיך צו שטעלן פאַר דעם „אַסעסאָריאַל-געריכט". עס איז יעצט נאָר געגאַנגען וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס צוצופאַסן צום באַגריף וועגן אונטערטאַנען פונם קייזער. אויף דער זיצונג פונם מלוכה-ראַט זענען פאָרמולירט געוואָרן פאָלגנדע צוויי פראַגן: 1. צי איז די קוזמירער יידן ערלויבט צו פאָרן קיין וואַרשע און זיך דאָרט לעגיטימירן מיט די פריווילעגיעס פון די אַלטע פוילישע מלכים? 2. צי מעגן זיי באַצאָלן אין וואַרשע שוץ-געלט? דער מלוכה-ראַט האָט איבערגעגעבן די אַנטשיידונג פון די דאָזיקע פראַגן דער געהיימער מלוכה-קאַנצעלאַריע, זי ווידער, האָט זיי איבערגעשיקט דער גאַליצישער קאַנצעלאַריע און אומעטום האָט מען זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז אויף וויפל די יידן וועלן באַצאָלן שוץ-געלט, וועלן זיי דאָס טון בלויז אַלס פרעמדע (עסטרייכישע) סוחרים, וועלכע ווילן פירן מסחרים אויסער די גרענעצן פון זייער מלוכה. דער מלוכה-קאַנצלער קוניץ איז אויך געווען ביי דער זעלבער מיינונג און אין דעם גייסט האָט ער רעדאַגירט זיין רעפעראַט, איבערלאָזנדיק די לעצטע דעציזיע „דעם ערלאוכטען ערמעססען (דעם קייזער) צי ס'וואָלט

נישט געווען כדאי תיכף־ומיד צו שרייבן צו דעם קרייזהויפּטמאַן פאָן באַום, ער זאָל שטילערהייט דערלויבן די קוזמירער יודען צו פאָרן קיין וואַרשע.

קייזער יוזעף דער צווייטער האָט איינגעשטימט אויף די אויספירונגען פון זיין קאַנצלער און האָט אויף דער זייט פון מעמאָריאַל אָנגעשריבן „זיין העכסטן ווילן": „מ'זאָל די בעטנדע יידן געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי מעגן זיך מאָנען זייערע רעכט אין וואַרשע אויף אַן ערלויבטן וועג, קעגן וועלכן די היגע מאַכט קאָן גאָרנישט האָבן". דער קייזערלעכער רעסקריפּט טראָגט די דאַטע פון 2־טן יאַנואַר 1776, און שוין דעם זעלבן חודש נעמען די קוזמירער יידן צוזאַמען זייערע אַלטע פּריווילעגיעס און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן און, פאַרזען מיט עסטרייכישע פּעסער, פאָרן זיי אַוועק נאָך וואַרשע. דאָ אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איינפלוס פון מלאָדזשעיאָווסקין און סולקאָווסקין, זאָגאַר פונם קעניג אַליין, איז געווען צו־שוואַך, ווייל דאָס „אַסעסאָריאַל געריכט" האָט גענומען אַלס גרונט־מאָטיוו דאָס „פּ ר י י ו ו י ל י ק ע" (!) אָפּזאָגן זיך פון די יידן פונם רעכט צו האַנדלען פונם יאָר 1485, און האָט געפּסקנט, אַז די יידן מוזן איינמאָל פאַר אַלע פאַרמאַכן זייערע געוועלבן און קראָמען אין קראָקע (1776).

יעצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרצווייפלטע באַמיונגען כדי צו פועלן מ'זאָל אָפּלייגן דאָס אויספירן דעם אורטייל. באַראָן רעוויצקי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מלאָדזשעיאָווסקין און געפאָדערט פון אים צו ערפילן זיין צוזאָג. מלאָדזשעיאָווסקי האָט צוגעזאָגט צו טון, וואָס ער וועט נור זיין בכוח, אָבער גלייכצייטיק זענען צו אים כסדר געקומען די קראָקעווער סוחרים — די שליחים פון דער קריסטלעכער פאַראייניקונג — און געפאָדערט, ווי אַמשנעלסטן אויסצופירן דעם אורטייל. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין אויסוועג פון לאַבירינט פון די דאָזיקע קעגנזעצלעכע און ווידערשפּרעכנדע באַמיִונגען, אָבער ווידער האָט דאָס בלינדע גורל פון דער געשיכטע זיך אַריינגעמישט, דאָס מאָל אָבער נישט לטובת דעם קראָקעווער מאַגיסטראַט.

נאָך פיל באַמיונגען און נאָך אַ פיר־יעריקן ווידערשטאַנד האָט דער קייזער יוזעף דער צווייטער ענדלעך מספּים געווען אָפּצוגעבן קוזמיר צוריק צו פוילן אַלס אויסטויש פאַר עטלעכע קליינע אינזלען

אויף דער ווייכסל אין דער געגנט פון סאַנדאָמיר. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז פאַרשוואונדן געוואָרן די צאָלקאַמער אויף דער בריק, וועלכע פאַרבינדט די קראָקעווער גאַס אויפן קוזמיר מיטן סטראַדאָם, עס איז אַוועק די גרענעץ-וואַך פונם הייזל ביים ברעג פון טייך. דער פּאָרוטשניק מאַנזאַך האָט ליקווידירט זיין קוואַרטיר און זיך אומגעקערט אין לאַגער פון גענעראַל פּאָן דאָללען אין וויעליטשקאַ, און אַ נייע צאָל-קאַמער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער צווייטער זייט פונם רעכטן ווייכסל-אויסגוס. אויף דער דאָרטיקער פּוסטער געגנט האָט מען אָנגעהויבן צו בויען מיליטערישע קאָשאַרן, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען די „יוזעפשטאָט“— אויף פּויליש „פּאָדגוזשע“. די קוזמירער יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין „אונטערטאַנען פון איר „קייזערלעכער מאַיעסטעט“, וועלכע האָבן נור מיט גרענעץ-שיינען געמעגט אַריבערגיין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. נור זענען געוואָרן, ווי אַמאָל, פּוילישע יידן, איינוווינער פון דער רעפּובליק, און האָבן געקאָנט דרייסט אַפּעלירן צום חסד-געפיל אָדער צו דער גערעכטיקייט פון די פּוילישע מאַכטס-אָרגאַנען... [1]

1) אַרכיוו פונם אינערן-מיניסטעריום אין ווין, 4 אָפּטיילונג IV באַנד נ"ר 2402. הויז-הויף- און מלוכה-אַרכיוו אין ווין. שטאַט-ראַט-אַקטן פון יאָר 1775, נ"ר 3209. אַרכיוו פון דער יידישער קהלה אין קראָקע, דאָסגלייכן אַרכיוון פון די אַלטע אַקטן אין קראָקע באַנד: פאַרשידנס (יידן). הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע: Rada Nieustająca באַנד 72 — 74, 90, 124.

# די יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת"ח—ת"ך (1648—1660)

## 1. די צייט פון כמיעלניצקי

אין שבועות פון יאָר ת"ח (1648) האָט דער יידישער קוואַרטאַל אין לובלין באַקומען זייער באַאומרויקנדע ידיעות. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, און צי זיי זענען אמת. דאָך זענען די דאָזיקע ידיעות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און באַלד האָט מען אין דער גאַנצער שטאָט, אין די שולן און אין פּריוואַטע הייזער גערעדט וועגן אַ שרעקלעכן אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אין דרום-מזרח פון לאַנד.

ביידע טעג שבועות זענען אַריבער שטיל און רויק, אָבער באַלד נאָכדעם זענען אָנגעקומען די קאַראַוואַנען פון מזרח, און די סוחרים האָבן דערציילט, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די טאַטאַרן, אַז דאָס פוילישע מיליטער איז צעקלאַפּט געוואָרן און צוויי גענעראַלן זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די דאָזיקע ידיעות האָבן זיך פאַרמערט, און באַלד האָט מען זיך אין שטאָט דערוווּסט, אַז די קאָזאַקן באַפאַלן הויפּטזאַכלעך די שליאַכטע און די יידן, אַז איבעראַל אויף יענער זייט דניעפּער זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן גאַנצע יידישע קהלות, ווי אין פּערעיאַסלאַוו, באָריסאָווקאַ, לובין און אַנדערע.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע אַנטלאָפענע קיין לובלין. עס זענען געווען מייסטנס רייכע יידן פון פּאָדאָליען און וואָלין, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין מזרח און זענען דעריבער מיט ווייב און קינדער אַוועק קיין לובלין. די אַנטלאָפענע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די ידיעה וועגן דער שחיטה אויף די יידישע קהלות אין טשעכרין, נעמיראָוו,

טולטשין, פּאָלאָננע, קאָנסטאַנטינאָוו, אָסטראָה, א. אַז. וו. און האָבן איבערגעגעבן פּרטים וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן און אכזריותדיקע מעשים, וועלכע זענען אָפּגעטון געוואָרן מיט יידן: ווי אַזוי מען האָט לעבעדיקערהייט געשונדן ביי יידן די הויט פון לייב און דערנאָך געוואָרפן די טויטע קערפּערס פאַר די הינט, ווי אַזוי מען האָט ביי אַנדערע יידן אָפּגעשניטן איינצלנע גלידער, אַנדערע ווידער לעבעדיקערהייט באַגראָבן א.אַז.וו. פון אַנדערע ערטער האָט מען מיטגעטיילט, אַז יידישע קינדער זענען צעשניטן געוואָרן ווי פיש אויף שטיקלעך, שוואַנגערנדע פרויען האָט מען אויפגעשניטן די בייכער, אַרויסגעריסן פון זיי די נאָכנישט געבוירענע קינדער און אַריינגעגייט קעץ. די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט שוין געזען די קאָזאַקן אין לובלין, און די מוטערס האָבן טאָג-און-נאַכט געוויינט און געקלאָגט און געהאַלטן אין איין קוקן דורכן פענצטער אין טויט-שרעק, אַז אָט קומען אָן די מערדער.

און ווירקלעך איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן, וועלכער האָט געדראָט צו פאַרניכטן די גאַנצע פוילישע מלוכה. דער אָנפירער פון די קאָזאַקן כמיעלניצקי האָט איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, און באַלד איז ער צוגעטרעטן צו באַלאַגערן די שטאָט לעמבערג. באַקומענדיק דאָ אַ ריזיקע סומע אויסקויף-געלט, איז ער אַוועק ווייטער און האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען זאַמאָשטש. זאַמאָשטש איז אין יענער צייט געווען אַ זייער שטאַרקע פעסטונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ שטאַרקער גאַרניזאָן.

די שטעטלעך פון אַרום: שעברעשין, טאָמאַשאָוו, בילגאָריי, הרוביעשאָוו, טאַרנאָגראָד, טוראָבין און קראָשניק זענען צעשטערט געוואָרן דורך די טאַטאַרן, און זאַמאָשטש איז אַרומגערינגלט געוואָרן. די בירגער פון דער דאָזיקער שטאָט און די דאָרטיקע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט מיט אַ סומע פון 20.000 גילדן, און כמיעלניצקי האָט זיך געלאָזט מיט זיינע קאָזאַקן קיין לובלין. 4 מייל אויף דרום-זייט פון דער שטאָט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין מחנה [1].

1) יון מצולה פון ר' נתן נטע האַנאָווער, ווענעציע ת"ג.

די בירגער פון לובלין האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן די שטאָט. די צעכן האָבן באַזעצט די פאַר זיי אָנגעוויזענע טורעמס און באַסטיאָנען, די שטאָט-מויערן זענען אויסגעבעסערט געוואָרן, אָנגעשיט שאַנצן, אויסגערייניקט די שטאָט-גראָבנס פון מיסט און די האַרמאַטן געבראַכט אין אַ גוטן צושטאַנד. פון דער יידישער קהלה זענען פאַרבליבן נאָר די אָרימסטע פון די אָרימע. צו זיי זענען צוגעקומען די אַנטלאָפענע מיט זייערע פאַמיליעס. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אין דעם שמוץ און עלנט, וועלכער האָט דאָ געהערשט, איז אויסגעבראָכן אַ מגפה, פון וועלכער עס זענען געפאַלן צענדליקער טויזנטער קרבנות. די מגפה האָט זיך אויך פאַרשפרייט צווישן די, וועלכע זענען אַנטלאָפן אויף יענער זייט ווייסל און אויך דאָרט צוגענומען אַסך קרבנות. די יידן האָבן אונטערגעוואָרפן זייערע מתים אויף די בית-עלמינס ביינאַכט, כדי די אָרטיקע באַפעלקערונג זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן, אַסך קראַנקע זענען איבערגעפירט געוואָרן אין קריסטלעכע הייזער, די מייסטע זענען אָבער געבליבן ליגן אויף די פעלדער און גאַסן און געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. „איין ברודער האָט זיך נישט דערבאַרמט איבערן צווייטן, דער פאָטער נישט אויף זיין זון. צען טויזנט מענטשן זענען געשטאָרבן אונטערוועגנס, גאָט זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין".

אויף דעם בית-עולם אין קוראָוו האָט מען נאָך הונדערטער יאָרן געקאָנט לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות פון די דאָזיקע אַנטלאָפענע.

דאָס מאָל האָט לובלין געהאַט גליק. כמיעלניצקי איז שוין געווען גרייט אָנצוהייבן די באַלאַגערונג, זיינע באַנדעס זענען שוין געשטאַנען אין די פאָרשטעט און האָבן מיט פייער און שווערד געצייכנט זייער וועג פאָרויס, ווען אין קאָזאַקישן הויפט-קוואַרטיר איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער פוילישער קעניג. די קרוין האָט באַקומען דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג, יאַן קאַזשימיעזש, און באַלד האָט ער אַוועקגעשיקט צו כמיעלניצקין בריוו, אין וועלכע ער האָט אים אויפגעפאָדערט, זיך אומצוקערן אַהיים, פאַרזיכערנדיק אים גלייכצייטיק, אַז ער וויל אָנהייבן מיט אים אונטער-האַנדלונגען. כמיעלניצקי האָט געגעבן זיין מיליטער אַ באַפעל זיך

אומצוקערן אַהיים, און די שטאָט לובלין האָט אָפּגעאָטעמט. אַ קריסטלעכע לעגענדע דערציילט, אַז אַ צלם, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער דאָמיניקאַנער-קירכע אין לובלין, האָט געווירקט, אַז דער שונא זאָל אין דער לעצטער מינוט אַוועק פון דער שטאָט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען אויפן הימל איבער דעם דאָמיניקאַנער קלויסטער אַ ווונדערבאַרע דערשיינונג: אין מיטן דער נאַכט איז דער הימל פּלוצלינג געוואָרן ליכטיק, און עס האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ פייערדיקע שווערד, וואָס איר שפּיץ האָט אָנגעוויזן אַמאָל אויף לובלין, און אַמאָל אויף זאַמאָשטש. פון שווערד איז דערנאָך געוואָרן אַ בייטש, און דאַן איז אַלץ איינגעהילט געוואָרן אין אַ פייער-מאַנטל, וועלכער איז פאַרשוווּנדן אין די וואָלקנס...

די יידן פון לובלין האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די מאָנאַשקעס און מאָנאַכן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אין דער לעצטער מינוט. די שטאָט-אינסטיטוציעס און דער קרוין-טריבונאַל האָבן צוריק אָנגעהויבן זייער אַמט-טעטיקייט, און אין יאָר 1651 קומט שוין פאָר אין לובלין אַ זיצונג פון דעם ועד ד׳ ארצות, אויף וועלכן עס זענען באַטראַכט געוואָרן די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צו העלפן די פיל טויזנטער נשרפים פון אוקראַינע און פּאָדאָליען. די איינצלנע קהלות זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אויפצונעמען אַן אַנטשפּרעכנדע צאָל אַנטלאָפענע און זיי צו געבן שטיצע. די פאַרזאַמלטע רבנים האָבן באַשלאָסן צו באַשטימען אַ תענית אויפן 20-טן סיון, דעם טאָג פון דער שחיטה אין נעמיראָוו און צו ערלויבן די פרויען, וואָס זייערע מענער זענען אומגעקומען בשעת דער מלחמה (עגונות), ווידער חתונה צו האָבן. עס האָט אויסגעזען, אַז כאָטש די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, איז דער מערב-טייל פון דער פּוילישער מלוכה שוין געזיכערט פון די מלחמה-צרות און דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי איינצוּאָרדנען.

## 2. די קאָזאַקן אין לובלין (שנת תט״ו)

אַן אַנדער גורל איז אָבער געווען באַשטימט פאַר דער פּוילישער מלוכה און אויך פאַר דעם יידישן פאָלק. פאַרשידענע

סימנים און וווּנדער האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז דעם לאַנד שטייט פאָר אַ ניי אומגליק. אין יולי 1654 איז פאָרגעקומען אַ זון־פינצטערניש, און די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט אין דעם געזען אַ שלעכטן סימן. ר׳ יעקב בן יחזקאל הלוי פון פלאַטאָוו (פויזן) דערציילט אין דער הקדמה צו זיין ספר „שם יעקב״, אַז ער און אַנדערע האָבן געהערט, ווי מתים האָבן געוויינט און געיאָמערט, און ווי טויטע יידישע קינדער זענען געזעסן אונטערן ארון־קודש אין שול און האָבן זיך געבראָכן די הענט איבערן קאָפּ. אַ טייל האָבן זאָגאַר פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן געזען דעם פּרט פון די אומגליקלעכע יאָרן אויף דעם שטערן פון מענטשן 1).

אין האַרבסט 1654 איז אין גרויס־פוילן אויסגעבראָכן אַ מגפה, און די מענטשן זענען אַנטלאָפן פון די שטעט און דערפער אין די וועלדער אַריין, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט.

באַלד האָבן ויך באַוויזן די שונאים אין לאַנד, פון דרום־מזרח ווידער כמיעלניצקי מיט די קאָזאַקן און טאַטאַרן, פון מזרח — די רוסן, און פון צפון — דער שוועדישער קעניג קאַרל־גוסטאַוו. צו אים איז צו־געשטאַנען דער גאַנצער אַדל פון גרויס־פוילן און ליטע און אים אָנערקענט אַלס קעניג פון פוילן; יאַן קאַזשימיעזש איז אַנטלאָפן קיין שלעזיען, קאַרל־גוסטאַוו האָט געקאָנט אַדורכגיין אָן אַ שווערד־קאַמף איבער פויזן קיין וואַרשע, און פון דאַנען איבער סאַנדאָמיר קיין קראָקע. איבעראַל זענען די יידן געפאַלן אַלס קרבן פון די שוועדישע קאַמפן, און ווען די יידישע לעגיאָניסטן האָבן נאָך דערצו ביי סאַנדאָמיר געפּרווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד און אָפּגעשטעלט דעם שונא אויף אַ קורצער צייט, האָט דער צאָרן פון די שוועדן שוין נישט געהאַט קיין מאָס.

כמעט אַלע קהלות ביי דער ווייסל און צוזאַמען מיט זיי די קראָקעווער זענען געפאַלן אַלס קרבן פון דעם צאָרן פון די שוועדן. דאָסמאָל איז די שטאָט לובלין, ווי פיל אַנדערע שטעט צו מזרח פון דער ווייסל, געבליבן פאַרשוינט פון די שוועדן, זי איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָזאַקן און די רוסן, וועלכע האָבן אָנגעטון פיל צרות דער דאָרטיקער באַפעלקערונג.

1) זע דאָס קאַפּיטל: קראָקע זייטן 116—120.

אַן אַנאָנימע קוועלע פון יענער צייט, וועלכע שטאַמט פון דער פּעדער פון אַ פּראָטעסטאַנטישן לובלינער בירגער, דערציילט אין קורצע, אָבער שאַרפע ווערטער די ליידן פון דער שטאָט און באַזונדערס פון די לובלינער יידן. דער טיטל פון דעם דאָזיקן קליינעם, אָבער זעלטענעם ביכל איז פאָלגנדער:

באַריכט אָדער אויספירלעכע באַשרייבונג
פון דער יאָמערלעכער און טרויעריקער צעשטערונג און פאַרברענונג, וועלכע זענען בשעת דער דעראָבערונג פון דער שיינער שטאָט לובלין דורך די מאָסקאָוויטער און קאָזאַקן אויף אַ באַרבאַרישן אופן אויסגעפירט געוואָרן אין יאָר MDCLIV [1].

מיר נעמען פון דאָרט אַרויס פאָלגנדע שטעלן:

ווען דעם 11 אָקטאָבער (1656) זענען ביי אונז אָנגעקומען די שרעקלעכע בשורות, האָט נאָך קיינער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק פון דאַנען אַוועקצוגיין. דערצו נאָך איז געווען פאַרבאָטן פון שלאָס און פון ראָטהויז אַוועקצופירן פון דאַנען אַפילו דאָס מינדסטע. דעם 12 אָקטאָבער זענען אָנגעקומען 2 סוחרים פון זאַמאָשטש, וועלכע האָבן געבראַכט די איבערראַשנדע ידיעה, אַז די קאָזאַקן באַווייזן זיך 2–3 מיילן פון זאַמאָשטש צו 300–400 מאַן, און אַז זיי האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט אַסך געפאַנגענע און בהמות.

דעם 13-טן, אַזייגער 9, איז אָנגעקומען די ידיעה פון זאַמאָשטש, אַז די שטאָט איז געשלאָסן, אַז הינטער איר האָט מען געזען גרויסע פייערן. אין די בריוו אָבער איז וועגן דעם גאָרנישט געווען געשריבן, און דאָס האָט אונז שטאַרק איבערראַשט. עס זענען דאַן אַרויסגעשיקט געוואָרן דריי באַזונדערע פאָסט-רייטער. אויך דעם 14-טן זענען אַרויס-געשיקט געוואָרן פאַרשידענע רייטער-גרופּעס צו 9–12 פערד, פון וועלכע עטלעכע זענען צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז די איבעריקע זענען

[1] Relation, oder ausführliche Beschreibung von der jämmerlichen und erbärmlichen Verstörung und Einäscherung, so bei Erroberung der schönen Stadt Lublin von den Moskowitern und Cosacken barbarischer Weise verübt worden. Anno MDCVI.
Biblioteka Łopacinskiego w Lublinie Nr. 12, 540.

אַ טייל דערהרגעט געוואָרן דורך דעם שונא, און אַ טייל געפאַנגען דורך די קאָזאַקן.

דעם 15-טן באַלד אינדערפרי האָט מען געזען אַ גרויסע מיליטער-מחנה אין פעלד, וועלכע מען האָט געשאַצט אויף 1000 מאַן. באַלד האָבן זיך די קאָזאַקן באַוויזן אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט און אין יידישן פערטל, ווּ זיי האָבן זיך געלאָזט רויבן דאָס יידישע פאַרמעגן. די בירגער האָבן באַלד באַזעצט די מויערן און טויערן פון דער שטאָט, נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע מויערן זענען געווען צו-שוואַך, אום צו קאָנען אויסהאַלטן דעם שטורעם פון שונא, איז באַלד אַרויס-געהאָנגען געוואָרן אַ ווייסע פאָן. דאַן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן שליחים: די פריצים פראַנץ באָרטשינסקי, פאָניאַטאָווסקי, איין יעזויט און צוויי בירגער, צו בעטן רחמים ביים שונא.

דעם יעזויט האָבן די קאָזאַקן באַלד אויסגעטון ביז צום העמד... קעגן אָוונט זענען אונזערע שליחים צוריקגעקומען און געזאָגט: דער שונא וויל בלויז די אוצרות פון אַלע גלחים און פונם אַדל, און אַז מען זאָל שווערן טרייהייט דעם גרויספירשט. דערווייל זענען פוןביידע צדדים גענומען געוואָרן ערובניקעס ביז אויפן אַנדערן טאָג, און דאַן איז מען געוואָר געוואָרן, אַז צוויי אַרמייען שטייען הינטער דער שטאָט, איין מאָסקאָוויטישע און איין קאָזאַקישע, וועלכע באַשטייען פון 6, און ווי אַנדערע האָבן געזאָגט, פון 12 ביז 15 טויזנט מאַן...

דעם 16-טן זענען די אַדל-לייט און אויך פאַרשידענע גלחים און עטלעכע בירגער אַרויסגעגאַנגען אָפּגעבן די שבועה. דער רוסישער פעלדמאַרשאַל האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז די שבועה זאָל אָפּגעגעבן ווערן נישט בלויז אין זיין לאַגער. נאָר אויך אויף דער בריק פאַר דעם שטאָט-טויער, וועלכן מען האָט פריער געמוזט עפענען, דאַן האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל אים דורכאויס אַרויסגעבן אַלע יידישע, אַדעליקע און גייסטלעכע גיטער, ווי אויך דעם הייליקן קרייץ, וועלכער איז געווען אַ רעליקוויע ביי די דאָמיניקאַנער. דער קאָמאַנדירנדער גענעראַל פון דער רוסישער אַרמייע, פּעטער איוואַנאָוויטש, איז דאַן אַוועק צום טויער, ווּ ער האָט געפונען אַ טייל פון די אוצרות, וועלכע ער האָט באַלד געהייסן אַרויספירן. דעם זעלבן טאָג, זענען אויך אַרויסגעפירט געוואָרן עטלעכע וואָגנס פול געפּאַקט מיט יידישע טייערע סחורות. פון

דער שטאָט האָט ער דערנאָך פאַרלאַנגט: 1) 30000 גילדן; 2) עטלעכע וואָגנס פול מיט סאַמעט, אַטלאַס און זיידנצייג; 3) אַלערליי ענגלישע און האָלענדישע שטאָפן — 1000 שטיק; 4) עטלעכע וואָגנס מיט געווירצן; 5) דאָס גאַנצע געווער פון דער שטאָט; 6) אַלע יידן, וועלכע זיי האָבן געוואָלט אויסשעכטן.

און עס איז געווען אַ גרויסער ספּעקטאַקל, בשעת מען האָט די יידן ווי די שאָף, יונג און אַלט, אַרויסגעטריבן פון די הייזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַהאַלטן ביי אונז (קריסטן), און זיי געטריבן ווי צו דער שלאַכט-באַנק מיט אַ שרעקלעכן געשריי און געיאָמער. מען האָט אָבער שפּעטער אויסגעבעטן פאַר זיי דאָס לעבן.

נאָך דער אָפּגעגעבענער שבועה האָט ער אונז געגעבן... 60 מאָס-קאָוויטישע מושקעטירן אַלס גאַרניזאָן... דערנאָך האָט ער זיי אָבער צוריק אַוועקגענומען און איז דאַן אַוועק אין זיין לאַגער, איבערלאָזנדיק אַ קורלענדישן פּולקאָווניק.

## 3. די שרעקלעכע שׂרפה (ערב סוכות תט"ז).

די קאָזאַקן האָבן זיך אָבער כסדר געריסן אויף די מויערן און טויערן, און עס איז געווען פאַרבאָטן אויף זיי צו שיסן. אָדער זיי אָפּצוהאַלטן דורך וואַרפן אויף זיי שטיינער; עס איז אָבער געווען אוממעגלעך צו שאַפן אַזוי פיל געלט, און עס איז נישט געווען קיין אַנדער מיטל, וועלכס זאָל אונז קאָנען פאַרהיטן פון דער סכנה. דעם 16-טן, ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיי געעפנט אַ שרעקלעך פייער אויף דער יידישער שול, אין וועלכער עס זענען געווען אומציילִיקע יידן. אויפן אַנדערן טאָג, דעם 17-טן, האָבן זיי ווידער אונטער-געצונדן דעם שלאָס, און אַזוי ווי דער שלאָס איז געלעגן נאָענט פון דער שטאָט, און ביז צו דער שטאָט האָבן זיך געצויגן הילצערנע הייזער, וועלכע האָבן פסדר געברענט, האָט זיך די שטאָט לייכט געקאָנט אָנצינדן, ווען מען וואָלט נישט געווען אונטערגעקויפט דעם מאָסקאָווי-טישן גאַרניזאָן, וועלכע האָבן ראַבירט און צעשטערט יידישע הייזער. מען האָט נישט געקאָנט אָן אַ געפיל פון רחמנות אַראָפּקוקן אויף דער יידן-שטאָט, די שרעקלעכע אכזריות, מיט וועלכער די קאָזאַקן האָבן

דאָרט געווילדעוועט, און די יאָמערלעכע געשרייען און דאָס כּסדרדיקע פייער, וועלכס האָט געדויערט איבער 6 טעג, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מען האָט זיך שוין אונטערגעגעבן. ווען מען זיי האָבן נאָר באַגעגנט אַ לעבעדיקן אין דער פאָרשטאָט האָבן זיי אים באַלד אויפן אָרט דערהרגעט, אָדער אויפן בעסטן פאַל — אַראָפּגעצויגן פון אים די קליידער און פאַרקויפט פאַר אַ שיבוש פאַר אַ פּאָר שטיוול, פאַר אַ ביסל טאַבאַק א. ד. גל.

נאָך אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דעם אויסמאָרדן פון די בריגיטאַ-מנישקעס און בערנאַדינער-מנישקעס, דערציילט דער דערמאָנטער כראָניקאר ווייטער:

„...דעם 18-טן אָקטאָבער איז אין דער שטאָט אַנטשטאַנען אַ מאַנגל אין עסנוואַרג און אין וואַסער, אַזוי, אַז עס איז אוממעגלעך געווען צו פאַרבלייבן אין שטאָט און אויסצוהאַלטן דעם שונא אונטער דער שטאָט, כאָטש די קאָזאַקן פלעגן אונז פאַרקויפן פאַרשידענע זאַכן איבער דער מויער אַריבער פאַר אַ שפּאָט-ביליקן פּרייז, צ. ב., אַן אָקס פאַר 5 גילדן, אַ פערטל פוטער פאַר 50 גראָשן. יעדעס מאָל, ווען אונזערע שליחים פלעגן אַרויסגיין אין זייער לאַגער, פלעגן זיי זיך אומקערן מיט פעלצן אָנשטאָט זייערע געוויינלעכע קליידער.

דעם 20-טן האָט מען זיי אַרויסגעבראַכט די קאָנטעגנטאַציע...

דער קאָמענדאַנט איז אָפּגעטרעטן און דערביי אונטערגעצונדן די קראָקעווער פאָרשטאָט... דעם 22-טן אין אָוונט איז דער קאָמענדאַנט צוריקגעקומען און פאַרלאַנגט דאָס האָלץ פון הייליקן קרייץ... און אַוועקגענומען די גרעסטע העלפט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרויִקונג ביים גאַנצן עולם. וואָס אַנבאַלאַנגט די קאָנטעגנטאַציע, האָבן זיי באַקומען גרויסע אומשעצבאַרע אוצרות. זיידן-סחורות האָבן זיי אַרויסגעפירט פאַר 58000 גילדן, טוך פאַר 60000 גילדן, אַלערליי זילבער און גאָלדוואַרג פאַר 30000 גילדן, נישט רעכנדיק די קירכן-אוצרות, ווי אויך ווייַן און געווירצן... אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַקעגן די אוצרות, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די פאָרשטעט. באַזונדערס פון דער י י ד ן-ש ט אָ ט: 600 געקליבענע פערד, 50 קאַרעטקעס, 30 רייטוועגן. ביי דעם יידישן ד אָ ק ט אָ ר ד נ י א ל אַליין האָבן זיי צוגענומען בלויז גאָלד און זילבער פאַר 100000 גילדן. דער שאָדן, וועלכן זיי האָבן

אָנגעמאַכט, האָט אָבער באַטראָפן נישט וויניקער, ווי די סומע פון די אוצרות, וועלכע זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען... ווי גרויזאַם מען זאָל זיך נישט פאָרשטעלן די דאָזיקע געשעענישן בין איך זיכער, אַז קיינער וועט זיך עס נישט פאָרשטעלן אַזוי גרויזאַם, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. מען האָט געזען אין דער שטאָט ווייבער און קינדער יאָמערן און שרייען, די הייזער אין די פאָרשטעט איינגעהילט אין פלאַמען, פיל מענטשן געפייניקט אויפן שרעקלעכסטן אופן... דער טויט איז שוין געווען די קלענסטע פיין״...

אַזוי דערציילט אונז דער דייטשער כראָניקער. אויך יידישע קוועלן דערציילן וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן. דער גאון ר׳ שמואל, דער זון פון דעם קדוש ר׳ דוד אויערבאַך, וועלכער איז אַליין קוים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון טויט, דערציילט אין זיין ספר „חסד שמואל״, אַז די קאָזאַקן האָבן דעם גאון ר׳ אברהם בן יהודה לעבעדיקערהייט אַרויפגעשטעקט אויף אַ שפּיז און אים אַזוי לאַנג געפייניקט, ביז ער האָט אויסגעהויכט די נשמה *).

אַ לאָקאַלע געשיכטע דערציילט, אַז פיל יידן האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן, אַבי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די טיראַנען. זייערע נעמען זענען דערנאָך אויסגעקריצט געוואָרן אויף דער מויער פון בית-עולם און מען האָט זיי דאָרט נאָך אַ לאַנגע צייט געקאָנט לייענען. היינט איז פון דעם אַלעם איבערגעבליבן נאָר דער נאָמען „ב ע נ ד ע ט״. די יידן-שטאָט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ שרעקלעך בילד פון פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג: אַלע שולן, בתי-מדרשים, דאָס הויז פון דער געמיינדע און די ישיבה, די מקוה און אַלע וווינהייזער זענען געלעגן אין אַש און שטויב, און אונטער זיי האָט מען געפונען 2700 מתים. אויפן אָרט פון דער יידן-שטאָט איז

---

*) חסד שמואל דף ב׳ ע״ב. „חסדי ד׳ עולם אשירה! חסד אחד, שהציל הקב״ה אותי מהגזרה שהיתה בשנת ת״ז בערב סוכות בק״ק לובלין, שנפלו בעו״ה כמה וכמה אלפים נפשות על קדוש השם איזה לחרב ואיזה לשבי לשבי, עמם אנכי בצרה ועשה הקב״ה חסד עמי להוציא אותי מאפלה לאורה״... אם ענדע פון דעם ספר באַשרייבט דער מחבר די שרעקלעכע פיין פון די לובלינער יידן... כמו שעשה להקדוש ר׳ א ב ר ה ם בר״ש יהודה מלובלין, שהיו תוחבין שפוד בגופו חי, והיה חי כמעט כל היום ויצאה נשמתו בקדושה. (נ י ס ע נ ב ו י ם: לקורות היהודים בלובלין ע. 7).

טאָוול 17.



22. די מהרש"ל־שול אין לובלין (געבויט אין דעם יאָר 1567).



23. די מהר״ם־שול אין לובלין, געבויט אונטער איין דאך מיט דער מהרש״ל־שול קעגן אנהייב פון דעם 17 יארהונדערט.




24. די עלטסטע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, אין דער לינ־
קער זייט די מצבה פון דעם חזן אברהם בן אושאי(?) פון דעם יאָר 1543.



25. היסטאָרישע מצבות אויף דעם אלטן לובלינער בית־עולם, פון לינקס צו רעכטס: ר׳ שלום שכנא, לובלינער רב, נפטר 1559, און זיין זון ר׳ שאול פישל אפרים (1825).

געלעגן אַ באַרג פון חורבות, איבער וועלכע די חורבות פון דעם פאַר־ברענטן שלאָס האָבן אַרויסגעשטעקט ווי שדים און רוחות. טויט און פאַר־ניכטונג האָבן געהערשט דאָרט, ווו אַמאָל האָט דאָס לעבן געשלאָגן ווי אַ קוואַל. די לובלינער יידן־שטאָט איז געווען איין פאַר אַלע מאָל פאַרניכטעט.

קוים האָט זיך די שטאָט געהאַט אַביסל אָפּגערוט פון דער שרעקלעכער רוסן־הערשאַפט, איז זי איינגענומען געוואָרן דורך דעם שוועדישן קעניג קאַרל־גוסטאַוו, וועלכער האָט זיך געהייסן אויסצאָלן אַ קאָנטריבוציע פון 30000 גילדן. דאַן איז ער אָפּגעטרעטן, איבער־לאָזנדיק אין דער שטאָט זיין גענעראַל דעם גראַף וואָלמאַר מיט אַ קליינעם גאַרניזאָן. באַלד דערנאָך האָבן די ליטווישע פאָלקן אונטער דער אָנפירונג פון סטאַניסלאַוו פאָטאָצקי נאָך אַ קורצער באַלאַגערונג איינגענומען די אומגליקלעכע שטאָט און גענומען געפאַנגען דעם שוועדישן גאַרניזאָן.

אַזוי האָט זיך געדרייט דאָס ראָד פון דער געשיכטע ביז צום יאָר 1660, לובלין איז איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער אַנדערער. סוחרים און בעלי־מלאכות זענען געוואָרן בעטלער, און נאָך דער שרפה, אין יאָר 1656, איבערהויפּט נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן. אַ קעניגלעכע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט אין יאָר 1660 איבערגעגעבן אַזאַ טרויעריק בילד פון דער יידן־שטאָט.

„יידישע הייזער, אַחוץ דער שול, יאַטקעס א. אַז. וו. 56, די צאָל אָפּגעברענטע פלעצער האָבן די יידן אָנגעגעבן אויף לערך 250, אויפן אָרט פון יידישן שפּיטאָל אַ ליידיקער פלאַץ. אין פאָדזאַמטשע האָבן פריער געוווינט פיל יידן, פאַר וועלכע די רייכע יידישע הויז־אייגנטימער האָבן געצאָלט דעם שלאָס 70 גילדן גרונט־צינז. היינט צאָלן זיי נישט קיין גראָשן, ווייל עס וווינט דאָרט נישט קיין מענטש. די רוסן האָבן געהרגעט 2700 יידן, אויך דער שיינער שלאָס איז דורך זיי פול־שטענדיק פאַרברענט געוואָרן, אַלע אַרומיקע דערפער זענען פאַרברענט געוואָרן, די ערד ווערט נישט באַאַרבעט, די אכסניה בודזין אויפן וועג, וועלכע האָט געצאָלט 40 גילדן פאַרן שלאָס, עקזיסטירט נישט מער, עטלעכע שטיינער באַצייכענען דאָס אָרט, ווו עס יצנען אַמאָל געשטאַנען די מויערן“.

---

און ווידער האָבן זיך פאַרזאַמלט די רבנים אין לובלין און

באַשטימט אַ נייעם תענית אויף ערב סוכות (י״ד תשרי ביז מיטאָג). דער דאָזיקער תענית האָט געזאָלט זיין אַן אָנדענק פאַר די קינפטיקע דורות פון יענעם ערב סוכות פון יאָר 1656, ווען די גאַנצע יידן-שטאָט איז אַוועק אין פלאַמען. יעדעס יאָר פלעגט זיך אין דעם דאָזיקן טרויעריקן געדענק-טאָג פאַרזאַמלען די גאַנצע געמיינדע, און דער חזן פלעגט פאָרלייענען, אַחוץ אַנדערע קינות, אויך די לאַנגע קינה, וועלכע איז ספּעציעל אָנגעשריבן געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן תענית, און די יידן פלעגן זיך צוהערן צו דער שרעקלעכער דערציילונג, ווי אַזוי „די מחנות קאָזאַקן האָבן אין יענעם ערב סוכות זיך אַריינגעריסן אין שטאָט, זוי אַזוי זיי האָבן געשאָכטן אָן אַ צאָל מאַנסלייט, פרויען און קינדער, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרפאָלגט די, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין קוראָוו און זיי דערהרגעט אויף די גאַסן, אויף די פעלדער, אין די דערפער און וועלדער, און זייערע קערפּערס געוואָרפן פאַר די הינט און רויב-פייגל. די, וואָס זענען געבליבן לעבן, האָט מען געהייסן אויסקלויבן צווישן טויט און שמד. אַלע האָבן אויסגעקליבן דעם טויט און האָבן מיט זייער בלוט מקדש השם געווען״...

...„דערבאַרמדיקער גאָט, דו וועסט נעמען נקמה אויף די אַלע מערדער, דו וועסט נישט לאָזן אומבאַצאָלט דאָס אומשולדיק-פאַרגאָסענע בלוט און וועסט דיין פאָלק געבן אַ גליקלעכע צוקונפט, אַזוי זאָל זיין דיין ווילן! כן יהי רצון!

און דער גאַנצער עולם האָט הויך אָפּגעענטפערט: „אָמן״ *).

## 4. נאָך דער גרויסער מלחמה

די שטאָט איז געווען חרוב. אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט איז נאָר איין איינציק הויז געבליבן גאַנץ, די אַנדערע זענען אַלע געלעגן אין חורבות און אַש, און נאָר קליינע כאַטעס האָבן זיך געצויגן פון וויעניאַוואַ ביז צום קראָקעווער טויער, אין דער אייגנטלעכער שטאָט

*) אמ״ר אין דער אַלטער שול אין קראָקע: ווּעטשטיין: דברי חפץ — (מאסף פעטערבורג 1902) אויך אין אַנדערע שולן אין פּוילן, לאַנדסהוט: עמודי העבודה דף XII נ״ר 3.

זענען ס׳רוב הייזער געווען שוואַרץ פֿין רויך, אין דער גראָדסקאַ גאַס און אויפֿן מאַרק (רינעק) זענען די הייזער געווען אינגאַנצן אומבאַוווינט. די פּאַלאַצן פֿון די גרויסע פּריצים, ווי אויך די גרויסע קלויסטערס זענען געווען פֿאַרלאָזט, די שטאָט-טויערן פֿאַרניכטעט און שטענדיק אָפֿן, ווייל די טויערן זענען געווען אויסגעריסן.

די יידן-שטאָט איז געווען געגליכן צו אַ גרויסן באַרג חורבות, און נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעזען אַ מויער. די גרויסע לובלינער ירידים זענען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לענטשנע, דער קרוין-טריבונאַל איז פֿאָרלויפֿיק אינגאַנצן פֿאַרמאַכט געוואָרן.

אויך די יידישע ו ע ד י ם זענען מער נישט צונויפֿגערופֿן געוואָרן. דאָס פּרעזידיום פֿון לעצטן ועד פֿון יאָר 1651 האָט געשיקט בקשות צום קעניג און די הויכע מלוכה-לייט וועגן שוץ און הילף *). קעניג יאַן קאַזשימיעזש האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע דעקרעטן, אין וועלכע ער שילדערט די טרויעריקע לאַגע פֿון די פּוילישע יידן: „אַ טייל זענען באַרויבט און פֿאַרניכטעט געוואָרן דורך אייגן מיליטער, אַ טייל דורך פֿרעמד מיליטער, אַסך זענען פֿאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט. זיי קאָנען ביזן היינטיקן טאָג נישט געפֿינען קיין רו נישט אין די שטעט און נישט אין די מערק, זיי זענען נישט זיכער מיט זייער לעבן, און דעריבער האָבן די אַנטלאָפֿענע מורא זיך אומצוקערן קיין פּוילן. אויך ווייס איך — אַזוי שרייבט דער קעניג אין זיין באַפֿעל פֿון 18-טן מערץ 1658 — אַז אַסך זאַכן, וועלכע האָבן פֿריער געהערט צו יידן, זענען צוגענומען און באַהאַלטן געוואָרן דורך גאַנץ בכּבודע בירגער, אַזוי אַז די אייגנטימער קאָנען זיי נישט צוריק באַקומען" **).

ערשט אין יאָר 1661 ווערט אין לובלין ווידער געעפֿנט דער קרוין-טריבונאַל, און די גרויסע ירידים ווערן צוריק אַריבערגעטראָגן פֿון לענטשנע. מיט זיי קומט אויך צוריק קיין לובלין דער ועד ד׳ ארצות. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין 10 יאָר און אַ נייער שונא האָט

*) מלוכה-אַרכיוו אין פּויזן, קצינער שלאָס-אַקטן באַנד 165 דף 874, דעקרעטן פֿון קעניג יאַן קאַזשימיעזש פֿון דעם 27 מערץ 1658 (וואַרשע) און 17 יאַנואַר 1659 אין טאָרן

**) דאָרט דף 35-a.

ווידער צעראַבירט די שטאָט. דאָס מאָל זענען דאָס געווען די טאַטאַרן, וועלכע האָבן אין יאָר 1672 אינגאַנצן צעראַבירט לובלין און אַלע פאָרשטעט. אויך די יידן-שטאָט, איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן

ווידער זענען די יידן געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין דער אייגנטלעכער שטאָט, ווו זיי האָבן פאַר געלט און גוטע ווערטער געפונען דירות אין די בירגער-הייזער און אין די פּאַלאַצן פון די אַדל-לייט. אַ גאַנצער יאָרהונדערט איז אַריבער ביז די יידן-גאַס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן. צוזאַמען מיט דעם צוריקקערן פון די ירידים און דער דערעפענונג פון קרוין-טריבונאַל, האָט צוריק אויפגעבליט דאָס לעבן אין שטאָט. אויך ביי די יידן האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, אמת, נישט אַזוי שיין ווי פריער פאַר דער מלחמה, אָבער דאָך גענוג שיין, כדי אַרויסצורופן קנאה ביי די קריסטלעכע סוחרים. לובלין האָט אַלע מאָל געהאַט דאָס רעכט „דע נאָן טאָלעראַנדיס יודעאיס“ (נישט צו דולדן קיין יידן), און עס איז אויך שטענדיק געווען יידן-ריין, און אויך אויף ווייטער האָט עס געוואָלט בלייבן יידן-ריין. דאָס איז געווען דער לאָזונג פון דער קריסט-לעכער בירגערשאַפט, און עס זענען דעריבער געמאַכט געוואָרן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צוריק אַרויסצושטופן פון שטאָט די יידן, וועלכע האָבן זיך אַהין אַריינגעכאַפּט. באַזונדערס אומצופרידן מיט די יידן איז געווען דער „פשוטער מענטש“, דער קליין-קרעמער און בעל-מלאכה, און ער האָט איבעראַל געזוכט פאַרבינדעטע, כדי מיט בשותפותדיקע כוחות אַרויסצושטופן דעם „אומגליוביקן קאָנקורענט“. באַלד האָט ער געפונען אַ שטאַרקן שותף אין דער גייסטלעכקייט.

די אַלטע פוילישע טאָלעראַנץ פון דער צייט פון די פּיאַסטן און יאַגעלאָנער, פון דעם פעריאָד, ווען די פוילישע מלוכה איז געווען שטאַרק, איז פאַרשוונדן געוואָרן. די גרויסע מלחמה האָט געבראָכן די קראַפט און אויסגעשעפּט דאָס רייכטום פון פוילן אויף הונדערטער יאָרן, אַריינברענגענדיק אַ צעריסנקייט אין לאַנד. די גרויסע פריצים האָבן זיך אַרומגעריסן איינער מיטן צווייטן, און אין די שטעט האָבן די רייכע לייט אַריינגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און האָבן אונטערדריקט דעם געמיינעם מאַן. די מאַכט פון קעניג איז געווען נאָר אַ פוסט

וואָרט, און די גייסטלעכקייט, באַזונדערס די יעזויטן, האָבן באַהערשט די הערצער און די געדאַנקען פון די רעגירנדע קלאַסן. עס איז דעריבער קיין ווונדער נישט, וואָס די אַנדערש-גלויביקע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס סיבה פון אַלע אומגליקן, און מען האָט אויף זיי געהעצט דעם המון. אין פוילן, ווו אין 16-טן יאָרהונדערט זענען אַלע נישט-קאַטוילישע רעליגיעס געווען פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקט מיט דער קאַטוילישער, האָט מען יעצט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די פּראָטעסטאַנטן, און די אַריאַנער זענען אינגאַנצן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

אין יאָר 1664 איז דער המון אין לעמבערג און אין קראָקע אָנגעפאַלן אויף די יידן און געמאַכט אַן גרויזאַמע שחיטה. פיל יידן זענען דערביי דערהרגעט געוואָרן אַסך פאַרוונדעט און באַרויבט [1].

אין גאַנץ פוילן זענען די יידן געשטאַנען אונטער דער אָנקלאַגע פון עלילת-דם און גנבה פון דער האָסטיע (1669). די יידן האָבן מיט דער גרעסטער שרעק אָפּגעוואַרט דעם פסק-דין פון דעם קרוין-טריבונאַל. דעם 18-טן אויגוסט 1677 האָט דער טריבונאַל אין לובלין אַרויסגעגעבן דעם פסק-דין איבער אַלע יידן אין פוילן, און אין דעם זעלבן טאָג איז דער פסק-דין פאָרגעלעזן געוואָרן דורך דעם געריכטס-באַאַמטן טאָמאַש פּאָקלעקאָווסקי פאַר דעם טויער פון ראָטהויז אין לובלין פאַר אַ גרויסן המון מענטשן [2]. דער פסק-דין האָט געהאַט בלויז אַ טעאָרעטישע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער מלוכה, אָבער אויף דעם אָרט, ווו ער איז איבערגעלייענט געוואָרן, האָט ער געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק. די לובלינער יידן זענען אויך אָן דעם געווען אין אַ זייער שווערער לאַגע, זיי האָבן געמוזט ברענגען גרויסע קרבנות אין געלט און אין פאַרמעגן, כדי צו קאָנען דערווייל בלייבן אין שטאָט און זיך באַשעפטיקן מיט האַנדל. יעצט אָבער איז זייער לאַגע נאָך מער פאַרערגערט געוואָרן, און זיי האָבן געמוזט טיף אַריינשטעקן די האַנט אין געלט-בייטל אַריין, כדי צו קאָנען שליסן מיט דעם שטאָט-ראָט נייע האַנדלס-קאָנטראַקטן. דער דאָזיקער קאָנטראַקט איז געשלאָסן געוואָרן דעם 15-טן יאַנואַר 1677 און נישט קוקנדיק אויף די באַמיונגען פון „דעם געמיינעם מאַן אין לובלין“,

1) זע אויבן דעם מאמר: ...צוויי קהלות אין איין שטאָט.

2) ראַדלינסקי Prawda chrześciasnska. לובלין 1733 דף 24.

איז דער קאָנטראַקט באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג סאָביעסקי [1]. דעם 3־טן אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר. דער „געמיינער מאַן פון לובלין" האָט אָבער נישט אַזוי גיך געוואָלט נאָכגעבן. און ער האָט געשיקט איין ביטע נאָך דער צווייטער צום קעניג, זיך באַקלאָגט אויף די „געמיינהייט און אונטערקויפּבאַרקייט פון די ראַטמענער און לאַווניקעס פון לובלין" און די שעדלעכקייט פון דעם יידישן האַנדל. דעם 11־טן פעברואַר 1679 האָט דער קעניג יאַן III בשעת דעם סיים אין גראָדנע אַרויסגעגעבן אַ שוץ־בריוו פאַר דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט אין לובלין, אין וועלכן ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די יידישע סוחרים טרייבן אַן אומדערלויבטן האַנדל אין לובלין און שעדיקן דורכדעם דעם וווילשטאַנד פון דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט. דער קעניג פאַרווערט דעם האַנדל און וואַנדל אום זונטיק און חגאות און פאַרביט די יידן איבערהויפּט זיך צו ווייזן אין שטאָט אין די דאָזיקע טעג. די יידן איז אויך פאַרבאָטן געוואָרן צו האַלטן קריסטלעכע דינסטן. די יידישע מעקלערס (באַרישניצי) טאָרן זיך נישט ווייזן אין שטאָט, זיי טאָרן דאָרט נישט עפענען קיין געוועלבער אָדער קעלערס און נישט פאַרקויפן קיין שום סחורות, נישט קיין אייגענע און נישט קיין פרעמדע. אין אַלגעמיין מעגן די יידן פאַרקויפן סחורות נאָר צו זייערע אייגענע „גלויבנס־ברידער" [2].

דער דאָזיקער דעקרעט האָט צו־נישט געמאַכט אַלע האַנדלס־קאָנטראַקטן פון די יידן מיט די ראַטמענער און לאַווניקעס. כדי דורכצופירן ענערגיש אַלע פונקטן פון דעם דעקרעט, האָבן די קריסט־לעכע סוחרים געגרינדעט אַ „נייע קויפמענישע קאָנגרעגאַציע", און דער סטאַטוט פון דער דאָזיקער קאָנגרעגאַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג אין יאָר 1685. די איינצלנע פּאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן סטאַטוט זענען נוגע דער געשעפטס־פירונג, דער באַפרייונג פון געזעלן א. אַז. וו. די וויכטיקסטע זענען אָבער די פּאַראַגראַפן 23—27, וועלכע באַציען זיך אויפן יידישן האַנדל [3].

1) פון דעם סומאַר אין דער לאָפּאַטשינסקי־ביבליאָטעק כתב־יד נ"ר 116.

2) דאָרט כתב־יד 1387 טייל III

3) בערזאָן: Dyplomatarjusz נ"ר 212.

§ 23. די „פּערפידיאַ גענס יודאַאיקאַ” באַנוצט זיך שטענדיק מיט פאַרשידענע פּראָטעקציעס און פאַרקויפט אין אונזער שטאָט „אינטראַ מוראָס” (אין די מויערן) אַלערליי סחורות, באַזונדערס בּשעת די זיצונגען פון דעם קרוין-טריבונאַל. דורכדעם רויִנירן זיי אונזערע לובלינער סוחרים. זיי האָבן אויך די דרייסטקייט צו טרייבן האַנדל אין זונטיק און אין חגאות, וואָס איז שוין נישט איינמאָל פאַרבאָטן געוואָרן. כּדי דאָס צו באַזייטיקן — זאָגט דער קעניג אין דעם דאָזיקן דעקרעט — גיבן מיר דער לובלינער קויפמאַנשאַפט די פאָלגנדע פּריווילעגיעס אין פאַרבינדונג מיט די דעקרעטן, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם סיים אין גראָדנע דעם 11-טן פעברואַר 1679.

§ 24. אַ ייד טאָר נישט דינגען אָדער עפענען קיין געוועלב נישט אויפן מאַרק-פּלאַץ און נישט אין די גאַסן פון דער שטאָט לובלין, אויף דער פּלאַכער ערד אָדער אויף העכערע שטאָקן — הגם די יידן האָבן דאָך זייער אייגענע שטאָט אין פּאָדזאַמטשע, — און זיי טאָרן נישט פאַרקויפן דאָרט קיין סחורות אויף מאָס, וואָג אָדער קוואָרט, סוב פּענאַ קאָנפיסקאַציאָניס (ד. ה. אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורות). די קאָנפיסקירטע סחורות ווערן אין גלייכע טיילן אָוועקגעגעבן דעם מאַגיסטראַט, מיטן צוועק אויסצובעסערן די שטאָטישע באַפעסטיקונגען, און דער קויפמענישער קאָנגרעגאַציע. די בירגער פון לובלין ווערט פאַרבאָטן אונטער שווערע שטראָפן צו פאַרקויפן אָדער צו פאַרדינגען זייערע הייזער אָדער געוועלבער צו יידן.

§ 25. קיין ייד טאָר נישט פאַרקויפן קיין שום סחורה אין אַ קויש אָדער אויף אַן אַנדער אָרט אויף דער גאַס, אין הייזער אָדער שטאָט-טויערן, אָדער אָפּוואַרטן מיט זיי די פּריצים אָדער בירגער פאַר די שטאָט-טויערן. פאַר עובר זיין אויף די דאָזיקע פאַרבאָטן וועט מען ביי די יידן קאָנפיסקירן זייערע סחורות. גלייכצייטיק ווערט דער מאַגיסטראַט פון לובלין פון אונז אויפגעפאָדערט צו באַנייען זיינע באַשלוסן וועגן אַרויסשיקן די יידן פון דער שטאָט.

§ 26. די באַרישניקעס (מעקלערס), וועלכע דרייען זיך אַרום אין דער שטאָט, קוקן אַריין אין אַלע געשעפטן, שלעפּן אַריין אין די יידישע געוועלבער פרעמדע לייט, באַזונדערס פּריצים, טאָרן זיך

איבערהויפט נישט באַווייזן אין שטאָט בקנס פון אַרעסט אָדער געלט-שטראָף (אַ פערטל יאָר און 30 מאַרק).

§ 27. די יידן טאָרן נישט פאַרברייטערן זייער האַנדל (אַ חוץ אין דער מאָס, וואָס איז פעסטגעזעצט אין די קאָנטראַקטן מיט דער שטאָט) און טאָרן נישט אויסקויפן פאַר די קריסטלעכע סוחרים קיין סחורה. ביי יעדער קניה האָט דער קריסטלעכער סוחר דאָס פאָר-רעכט, ער קאָן רויק אַנידערלייגן דאָס געלט, און די סחורה איז זיין".

* *
*

די יידן האָבן אָבער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך אונטערגעבן, און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגער פראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער הונדערט יאָר און זיך נישט געענדיקט אַפילו נאָכן פאַלן פון דער פוילישער מלוכה. אין ערשטן פעריאָד פון דעם דאָזיקן פראָצעס זענען די לובלינער יידן דורך דעם קעניגלעכן אַסעסאָרן-געריכט (1693) אין קאָנטומאַציאַס [1] פאַראורטיילט געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון האַנדל, אָבער שוין אין דריי יאָר אַרום (1696) ערקלערט קעניג סאָביעסקי די פּריווילעגיעס פון דער קאָנגרעגאַציע פאַר אומגילטיק און פאַרווערט צו שטערן די יידן אין האַנדל און ערלויבט זיי פריי צו האַנדלען ווי פריער. דער דאָזיקער דעקרעט ווערט אין צוויי יאָר אַרום (1698) דורך דעם קעניג אויגוסט II באַשטעטיקט און אַריינגעטראָגן אין דער זאַמלונג פון פּריווילעגיעס פון דער לובלינער יידישער קהלה (31-טן אויגוסט 1898). די דאָזיקע זאַמלונג אַנטהאַלט די דעקרעטן פון אַלע פוילישע מלכים, אָנהויבנדיק פון מלך זיגמונט אויגוסט בנוגע צו הייזער-באַזיץ, האַנדל, מלאכה, שטייערן און געריכט, און איז כולל אין זיך די רעכט פון דער לובלינער קהלה אין 17-טן יאָרהונדערט.

---

1) אונטער די אויגן.

# דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין XVIII יאָרהונדערט

דער סוף פון 17-טן יאָרהונדערט איז געווען פאַר פוילן נישט ווייניקער טרויעריק, ווי די מיט פון דעם זעלבן יאָרהונדערט. די צפונדיקע מלחמה האָט געבראַכט אַ ניי אומגליק אויפן לאַנד. ווידער האָט זיך איבער אַלע פראָווינצן פון לאַנד אויפגעהויבן די שווערד פון קעניג קאַרל פון שוועדן.

אויסער דעם דאָזיקן אומגליק, וועלכעס האָט געטראָפן דאָס גאַנצע לאַנד, האָט די שטאָט לובלין געליטן פון אייגענע קאַטאַסטראָפעס. אַזוי האָט דאָ אין יאָר 1695 געבושעוועט די מגפה, וועלכע האָט צו-גענומען טויזנטער קרבנות. אין יאָר 1702 איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין שטאָט, פון וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן דאָס רוב הייזער, זאָגאַר גאַנצע גאַסן און פאָרשטעט. בשעת קאַרל XII איז אין יאָר 1704 געגאַנגען אויף לובלין, האָט ער געקאָנט איינגעמען די שטאָט אָן אַ קאַמף, ווייל די טויערן זענען געשטאַנען אָפן, און די באַשטעס און די טורעמס זענען נישט געווען פאַרטיידיקט. די שוועדישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד פאַרשפרייט איבער אַלע גאַסן און האָבן צעראַבירט די געשעפטן און וווינונגען. קאַרל דער XII האָט געוווינט אין הויז פון סאָביעסקי אויפן מאַרק. באַלד אָבער האָט ער צוריק פאַרלאָזט די שטאָט און זי איבערגעלאָזט פאַרן רוסישן מיליטער (1706). אין דעם זעלבן הויז האָט פעטער דער גרויסער באַלד איינגעאָרדנט זיין הויפט-קוואַרטיר (1707).

פעטער דער גרויסער האָט נאָך געוווינט אין לובלין, ווען די ראַטמענער, שעפן און צעך-מייסטערס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ראָטהויז און אָנגענומען אַ באַשלוס פון „אַלע שטאַנדן און נאַציעס" קעגן דעם

יידישן האַנדל. באַלד איז אַוועק אַ דעפּוטאַציע פון די קריסטלעכע סוחרים קיין וואַרשע, און נאָך פיר יאָר באַמיונגען, אויסנוצנדיק אַלע פּראָטעקציעס, האָט זי אויסגעפועלט אַ קעניגלעכן דעקרעט דעם 26-טן נאָוועמבער 1720 קעגן די יידן פון לובלין [1].

אין דער איינלייטונג צו דעם דאָזיקן דעקרעט באַמערקט דער קעניג, אַז מיט יאָרן צוריק האָבן אין לובלין איבערהויפּט געוווינט גאָר ווייניק יידן, וועלכע האָבן געצאָלט דעם מאַגיסטראַט 300 גילדן אַ יאָר פאַרן רעכט צו האַנדלען. יעצט אָבער זענען אַריינגעדרונגען זייער פיל יידן אין שטאָט, זיי האָבן באַזעצט אַלע פּאַלאַצן און הייזער פון דעם הויכן אַדל און פון די בירגער, טרייבן האַנדל מיט אַלע מעגלעכע סחורות און קוקן נישט אַפילו אויף זונטיק און אויף די קריסטלעכע חגאות, זיי פאַכטן אומגעזעצלעך די שטאָטישע שטייערן, זיי לאָזן נישט אַריין קיין פרעמדע סוחרים מיט זייערע סחורות אין שטאָט אַריין, קויפן-אויף די סחורות פאַר דער שטאָט, האַנדלען קעגן פאַרבאָט מיט שנאַפּס און ביר, האַלטן קריסטלעכע געזעלן און דינסטן, צאָלן נישט קיין שטאָטישע פּאָדאַטקעס און ברענגען די קריסטלעכע סוחרים צום פולשטענדיקן רוין.

דעריבער באַפעלט דער קעניג:

1) אַז די האַנדלס-קאָנטראַקטן מיט די יידן זאָל מער נישט באַנייט ווערן;

2) אַז די יידן זאָלן באַלד פאַרלאָזן זייערע וווינונגען אין שטאָט, ד. ה., אַז אַלע קאָנטראַקטן וועגן געדונגענע דירות ווערן בטל;

3) עס ווערט פאַרבאָטן די קריסטן אונטער אַ שטראָף פון 1000 מאַרק צו פאַרדינגען אַ ייד אַ לאָקאַל פאַר אַ געשעפט אָדער אַ וווינונג;

4) דער קעניג באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל דאָס אַלץ אַדורכפירן און זאָל אויך אויספאָרשן, וועלכע יידן האָבן אַממייסטן געשאַדט דעם קריסטלעכן האַנדל.

די קאָמיסיע האָט, זעט-אויס, נישט צו-פלייסיק געאַרבעט, דען די זאַך האָט ערשט אין 16 יאָר אַרום געפונען איר פאַרזעצונג. דעם

1) די ביבליאָטעק פון די פירשטן טשאַרטאָריסקי אין קראָקע. כתב-יד נ"ר 2196 דף 214.

5-טן יוני 1736 ווערט דער דאָזיקער ענין ווידער באַהאַנדלט אין קעניגלעכן אַסעסאָרן-געריכט אונטערן פאָרזיץ פון דעם ביסקופ זאַלוסקי ; די קריסט-לעכע סוחרים האָבן זיך ווידער באַקלאָגט דעריבער, וואָס בירגערלעכע און אַדעליקע הויז-אייגנטימער ערלויבן די יידן צו וווינען אין זייערע הייזער, אַז דער מאַגיסטראַט האָט פאַרדונגען אַ ייד דעם ברוק-צאָל, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל ענדלעך דורכגעפירט ווערן דער קעניגלעכער דעקרעט פון יאָר 1720. פון די יידן איז קיינער נישט ערשינען צו דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג און דער פסק איז אויסגעפאַלן דעריבער קעגן זיי. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נייע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט מבטל מאַכן אַלע קאָנטראַקטן וועגן דירות און אַרויסטרייבן די יידן פון לובלין. ביי די יידן, וועלכע וועלן נישט פאָלגן דעם דעקרעט, ווערן קאָנפיסקירט זייערע סחורות, דאַקעגן די אומגעהאָרכזאַמע בירגער דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט 1000 מאַרק און מיט פאַרלירן זייערע ערן-אַמטן.

דאָס מאָל איז די קאָמיסיע ערשינען פּינקטלעך אין דעם חגא-טאָג פון די „דריי מלאכים" אין יאָר 1737 און האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אָבער אויך די יידן זענען נישט געבליבן זיצן מיט פאַר-לייגטע הענט און האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז דער פסק-דין פון דעם אַסעסאָרן-געריכט זאָל אָפּגערופן ווערן. זיי האָבן געזוכט פראָטעקציע ביי די הויכע פריצים, האָבן געבראַכט בריוו פון הויכע באַאַמטע צו די מיטגלידער פון געריכט אין וואַרשע און סוף-כל-סוף געפועלט, אַז דער קעניג האָט אין 2 דעקרעטן (12-טן אויגוסט 1738 און 12-טן סעפּטעמבער 1738) מבטל-געמאַכט דעם פסק-דין פון יאָר 1736.

די בירגער האָבן אָבער נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף דער דאָזיקער „רעוואָקאַציע" (אָפּרופונג), ווי אויך אויף דעם „סאַלוווס קאָנדוקטוס", און האָבן כסדר אַרויסגעוואָרפן די יידן פון זייערע הייזער. זיי זענען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן איינגעקלאָגט אין שעפן-געריכט די יעניקע הויז-אייגנטימער, וועלכע האָבן נישט אַרויס-געוואָרפן די יידן פון זייערע הייזער. אַזוי ווערן אָנגעקלאָגט אין געריכט דעם 25-טן אָקטאָבער און דעם 3-טן נאָוועמבער 1741 : סעבאַסטיאַן זוויקיעוויטש, דאָס פאָרפאָלק לוקאָווסקי, דער שניידער מאַטיאַס, די

אַלמנה קראַיעווסקאַ, דער שווערד-מאַכער קאָסיאַרסקי, דער גאָרקיך-אייגנטימער זיעלעסקי. דער שוסטער נאָראַיסקי און פיל אַנדערע, וועלכע ווערן פאַראורטיילט תיכּף צו געבן עקסמיסיע זייערע יידישע איינוווינער. די פאַראורטיילטע האָבן זיך אָבער גאַנץ ווייניק געקומערט וועגן דעם, כאָטש זיי זענען נאָכאַמאָל (דעם 14-טן פעברואַר 1742) און נאָכאַמאָל (דעם 9-טן מאַי 1742) אָנגעקלאָגט געוואָרן צו דעם זעלבן געריכט.

די קריסטלעכע סוחרים האָבן ווידער דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אין אַסעסאָרן-געריכט אין וואַרשע, און דאָס געריכט האָט דעלעגירט (דעם 17-טן דעצעמבער 1743) אַ נייע קאָמיסיע קיין לובלין אויסצופאָרשן די סיבות, פאַרוואָס די יידן וווינען נאָך אַלץ אין דער שטאָט. די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אויספאָרשונג דעם 14-טן מערץ 1744 און אויפגעפאָדערט די יידן אין פאַרלויף פון 8 טעג צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך אַריבערציען אין יידישן קוואַרטאַל. אויסער דעם האָבן זיי געדאַרפט באַצאָלן 3000 גילדן דעם מאַגיסטראַט פאַר נישט פאָלגן די ביזאַהעריקע באַפעלן. די בירגער האָט מען צוגעזאָגט מיליטערישע הילף, כּדי זיי זאָלן געפינען די דאָזיקע יידן און זיי איבערגעבן אין געפענגניש [1].

די קאָמיסיע האָט דאָס איריקע געטון, אָבער די אויספירונג איז אויך דאָס מאָל נישט צושטאַנדגעקומען. די יידן האָבן געצאָלט צוהויכע וווינונגס-שטייערן, אַז מען זאָל זיי קאָנען מיט אַ לייכט האַרץ אַרויסוואַרפן פון די דירות. די הויז-אייגנטימער האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי פאַרגיטיקן דעם שאָדן, וועלכן זיי וועלן מוזן ליידן אין פאַל, ווען זיי זאָלן באַזייטיקן פון זייערע הייזער די יידישע שכנים, און די ראַטמענער, וועלכע האָבן געהאַט די שענסטע הייזער אין שטאָט, האָבן זיך גאָרנישט געאיילט מיט דער דורכפירונג פון דעם דאָזיקן באַפעל פון דער קאָמיסיע. אויך האָבן זיך דאָ אַריינגעמישט גרויסע פּריצים, וועלכע האָבן זאָגאַר אַרויסגעשיקט קיין לובלין זייער שלאָס-מיליץ כּדי צו פאַרטיידיקן „זייערע יידן".

---

1) ביבליאָטעק לאָפּאַצינסקי אין לובלין כּתב-יד נ"ר 116 און 344 קלאַגע פון 17 דעצעמבער 1743.

* *
*

אַזוי זענען אַוועק פיל יאָרן, ביז די זאַך איז ווידער אַמאָל דערוועקט געוואָרן. דאָס מאָל האָט עס זיך געדאַרפט ענדיקן זייער ערנסט פאַר די יידן. אין מיטן פון 18-טן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון די יידן אין פוילן געוואָרן זייער ערנסט, דער שטרייט וועגן די האַנדלס-רעכט האָט זיך אין אַלע גרעסערע שטעט זייער פאַרשאַרפט. איבעראַל האָבן די בירגער איינגעזען, אַז די צאָל פון די יידישע סוחרים וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די קריסטלעכע האַנטווערקער האָבן געזען, אַז די יידישע האַנטווערקער פאַרשטאַרקן זיך און אָרגאַניזירן אייגענע צעכן, וועלכע דראָען צו פאַרנעמען דעם פלאַץ פון די אַלטע צעכן. עס איז שוין נישט געבליבן מער קיין צייט צו פאַרלירן, די לאַגע איז געווען צו-ערנסט, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן לעבן און טויט.

צו דעם דאָזיקן עקאָנאָמישן מאָמענט איז צוגעקומען נאָך אַ צווייטער. נישט ווייניקער געפערלעכער פאַר די יידן. עס איז געווען אַ צייט פון אַ גייסטיקער ירידה און אַבערגלויבן אין פוילן. אַלע האָבן געגלויבט אין כישוף און אין מכשפים, און דאָס פעבעל, ווי אויך די העכערע, די אַזוי-גערופענע געבילדעטע קלאַסן, האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף דעם טייוולס מחותנים. קיינמאָל איז אַזוי נישט געווען פאַרשפרייט דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם עלילת-דם און שענדונג פון דער האָסטיע, ווי דאָס איז געווען אין מיטן פון 18-טן יאָרהונדערט. יעדעס יאָר פלעגן זיך איבערחזרן אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד ריטואַל-פּראָצעסן, וועלכע האָבן כמעט אַלע מאָל געהאַט אַ בלוטיקן אויסגאַנג. די פּראָצעסן אין זשיטאָמיר און יאַמפּאָל האָבן געבראַכט די יידן צו פאַרצווייפלונג, און אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלונג האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט קיין רוים. אָבער נאָך איידער די דעפּוטאַציע איז צוריקגעקומען, האָט אויסגעבראָכן די פראַנקיסטישע באַוועגונג מיט איר אַנטיסעמיטישער טענדענץ, וועלכע האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון די יידן. פראַנק האָט עפנטלעך באַהויפּט בשעת דעם דיספּוט אין לעמבערג (1759), אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט, און די ריטואַל-פּראָצעסן אין פּשעמישל און אין וואַסלאַוויצע זענען געווען די בלוטיקע פאָלגן פון דער דאָזיקער

באַהויפּטונג. די שליאַכטע, וועלכע האָט ביז דאַן מיטגעהאַלטן מיט די יידן און זיי געשטיצט אין זייער קאַמף פאַר די האַנדלס-רעכט, האָט זיך איצט דערשראָקן און זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן ווייטער די יידן, וועלכע זענען אַזוי אַרום געבליבן אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כּוחות און האָבן געמוזט זיך אָפּטראָגן פון פיל שטעט.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין לובלין.

אין יאָר 1759 פאַרזאַמלען זיך אין הויז פון דעם ווילגעבוירענעם און ערנפעסטן מאַטיאַס סטעפּאַנאָווסקי, דעם בירגערמייסטער פון לובלין, די ראַטמענער, שעפן און צעכאָווע מייסטערס און נעמען-אָן איינשטימיק דעם פאָלגנדן באַשלוס (לאַודום):

„מיר זענען „אולטימאַס קלאַדעם״ 1) פון דער דאָזיקער שטאָט, אַרויס-גערופן דורך די פיל יידן, וועלכע וווינען אין די פּאַלאַצן, הויפן, הייזער, בודעס, מיט איין וואָרט — איבעראַל, און האַלטן דאָרט חוצפּהדיק קלייטן, קעלערס און בודעס, און פירן דאָ, ווי אויך אין די פאָרשטעט, אין די אַדעל-פּאַלאַצן, אין די קלויסטער-הייזער, ווי אויך אין די „פונדאָ רעגיע ציוויטאַטיס״ אַן אומדערלויבטן האַנדל, פאַרקויפן וויין און שנאַפּס, מאַכן ביר, באַקן ברויט, ברענגען שאָדן די צעכן דורך זייער קונסט און מלאכה, מיט איין וואָרט, זיי נעמען צו ביי די קריסטן די מעגלעכקייט צו לעבן, און ווייל זיי צאָלן הויכע פּרייזן פאַר דירות, מאַכן זיי אומ-מעגלעך פאַר קריסטן צו דינגען אַ געוועלב אין שטאָט. אַמאָל איז אונזער שטאָט געווען אַ „ציוויטאַס פּאָפּולאָזאָ״ 2) איצט איז קוים געבליבן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג אין דער שטאָט, און אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט וווינען בלויז יידן און פירן דאָרט אין קריסטלעכע הייזער כּמעט ביי דער סאַמע קירכע זייערע שענקען, זינגען הויך זייערע שבת-דיקע זמירות, שפּאָטן-אָפּ פון די הייליקע פּראָצעסיעס, וועלכע גייען פאַר זיי פאַרביי. די יידן האַלטן היי אויף די בוידעמער, דורך וואָס זיי קאָנען ברענגען אַן אומגליק אויף דער גאַנצער שטאָט. זיי פּאַכטן אַלע יאָר דאָס רעכט צו פאַרקויפן ביר, מעד און בראָנפן... דורך די יידן זענען געפאַלן די באַרימטע צעכן פון די גאָלד-אַרבעטער, פעלדשערס, שניידערס, קירזשנערס, ביר-ברויערס, בעקערס, קעסל-שמידערס א. אַז. וו.

1) דעם גענצלעכן צוזאַמענברוך.
2) אַ באַפעלקערטע שטאָט.

אין דער שטאָט אַרבעטן מער ווי 90 יידישע שניידערס... די יידן העלפן נישט צו צו די „אָנעראַ פובליקאַ" [1] און קוקן נישט אויף די קעניגלעכע באַפעלן. די אין יאָר 1744 צוגעפּסקנטע 3000 מאַרק האָבן זיי ביזן היינטיקן טאָג נישט באַצאָלט, און כאָטש זיי האָבן שוין זייט יאָרן לאַנג נישט געשלאָסן קיין האַנדלס-קאָנטראַקטן מיט דער שטאָט, פירן זיי דאָך אַ לעבעדיקן האַנדל מיט אַלערליי סחורות... צוליב די אַלע סיבות ווילן מיר מער נישט ליידן די יידן אין דער שטאָט און מיר באַשליסן זיי צו פאַריאָגן, צו פאַרטרייבן און צו עוואַקוירן פון די הייזער פונם אַדעל, פון די בירגער און גלחים, אויס דער שטאָט און די פאָרשטעט, מבטל צו מאַכן די האַנדלס-קאָנטראַקטן און זיי צו באַטראַכטן אַלס נישט-עקזיסטירנדע. אַזוי אָבער ווי אונזער שטאָט געדענקט נאָך זייער גוט, ווי בשעת מען האָט מיט יאָרן צוריק געוואָלט אַרויסטרייבן די יידן, האָבן הויכע באַאַמטע און פּריצים אַרויסגעשיקט פון זייערע גיטער באַוואָפנטע לייט, וועלכע האָבן געשטערט דאָס אַרויסטרייבן די יידן, דעריבער בעטן מיר דעם גנעדיקן שלאָס-הויפּטמאַן פון לובלין וועגן הילף, כדי מיר זאָלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל קאָנען פטור ווערן פון די יידן.

גלייכצייטיק באַשליסן מיר, אַז אויב איינער פון די ראַטמענער אָדער שעפן וועט זיך וואַגן ווידער אַריינצובריינגען די יידן אין שטאָט אַריין, וועט ער באַשטראָפט ווערן מיט טויזנט מאַרק און מיט פאַרלירן זיין אַמט, דער איינפאַכער מאַן אָבער וועט באַשטראָפט ווערן מיט פינף טויזנט מאַרק און אַ פערטל יאָר געפענגניש [2].

דער דאָזיקער נויט-געשריי פון די קריסטלעכע בירגער פון לובלין האָט זיך דערטראָגן ווייט איבער די מויערן פון שטאָט אַרויס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס מאָל זענען אַלע קלאַסן אייניק אין דעם פאַרלאַנג צו פאַרטרייבן די יידן. דערווייל אָבער איז ווידער געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די ראַטמענער און די שעפן.

די ערשטע — רייכע הויז-באַזיצער און גרויסע סוחרים — זענען געשטאַנען מיט די יידן אין האַנדלס-באַציונגען, און האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון די הויכע צינזן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון

1) עפנטלעכע שטייערן

2) לאָפּאַטשינסקי-ביבליאָטעק אין לובלין כתב-יד 208.

ייערע יידישע שכנים. דאַקעגן די שעפן האָבן געהאַלטן מיט די צעכן און מיט דעם פשוטן עולם פון לובלין און האָבן געוואָלט פאַר יעדן פרייז אַרויסטרייבן די יידן פון דער שטאָט. דעריבער האָבן זיי נאָכאַמאָל דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע צום אַסעסאָריאַל-געריכט אין וואַרשע, וועלכעס האָט דעם 28-טן סעפטעמבער 1761 ווידער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דעם סטאַראָסטע פון לובלין, צו געבן דאָס „בראַכיום מיליטאַרע” צו פאַרטרייבן די יידן פון דער שטאָט [1]. דאָס מאָל איז דער באַפעל נישט געבליבן בלויז אויפן פאַפיר, און די יידן זענען טאַקע אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע געשעפטן און וווינונגען, פון זייערע גאַסן און פלעצער, וווּ זיי האָבן געוווינט לערך 100 יאָר, און זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין דער ענגער, שמוציקער און זומפּיקער יידן-שטאָט. נאָר אַ גאַנץ קליינער צאָל האָט זיך איינגעגעבן ווייטער צו פאַרבלייבן אין שטאָט, אָבער אויך זיי האָבן געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן, וועלכער האָט געקאָנט יעדן אויגנבליק אויסברעכן.

אַ טייל רייכערע יידן האָבן זיך פאַר שווערע געלטער געדונגען אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט דירות אין פריצישע הייזער און פאַלאַצן, אַזוי, למשל, ביים פירשט יאַבלאָנאָווסקי, אין הויז פון דעם וואָיעוואָדע פון בעלם, ביי די הערן רזשעוווסקי, פאָטאָצקי, גאָלוכאָווסקי, לאַנצקאָראָנסקי, זאַמאָיסקי א. אַז. וו., ווי אויך אין די קלויסטער-הייזער פון די פּיאַריסטן און בערנאַרדינער. לויט אַ קאָנטראַקט מיט דער שטאָט פון יאָר 1770 האָבן זיי אַלע צוזאַמען געצאָלט 38 גילדן אַ חודש פאַרן רעכט צו האַנדלען [2].

די יידן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין יידישן קוואַרטאַל, האָבן זיך נישט געקאָנט דאָ אַזוי לייכט צוגעוויינען צו די נייע, שלעכטע פאַרהעלטענישן און האָבן דעריבער אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אום צו קאָנען זיך אומקערן אין שטאָט אַריין. נאָר אַזוי ווי די קריסטלעכע סוחרים און צעכאָווע מייסטערס האָבן דערויף שטאַרק אַכטונג געגעבן, איז דאָס צוריקקערן פון די יידן אין שטאָט פאָרלויפיק געווען אוממעגלעך. האָבן זיך די יידן געמוזט באַגנוגענען דערמיט, וואָס זיי

1) דאָרט כתב-יד 344, 2. בראַכיום מיליטאַרע — מיליטערישע הילף.

2) דאָרט כתב-יד 107 קאָנטראַקט פון ז-טן אַפּריל 1770 וועגן 31 הייזער.



26—27. אַ לעפֿל פֿון דער חברה קדישא אין לובלין, װאָס װערט
פֿון דעם פּרנס הקהילה ר׳ חיים, אין דעם יאָר 1707. אויף דעם



באנוצט בײַ דער טהרה (פאָטאָגראַפירט פון בײדע זײַטן), א נדבה
לעפל א פּאַסיקע אױפשריפט: וזרקתי עליכם מים טהורים וכו'.



28. דער לובלינער חזן „ר׳ יחיאל מיכל בן ר׳ נתן ממדינת רוסיא״. שפּעטער (1700) חזן אין אַמסטערדאַם (יידיש מוזעאום אין ווין).



29. ר׳ שלמה־לייב ראַפּאָפּאָרט (שי״ר), רב אין טאַרנאָפּאָל און שפּעטער אין פּ־ג (ייִדיש מוזעאום אין ווין).

האָבן זיך אויסגעלייגט מיט זייערע סחורות לעבן און אַרום דעם שטאָט־טויער און פון דאָרט פון צייט צו צייט געקאָנט זיך אַריינכאַפּן אין שטאָט־אַריין, כדי צו פאַרקויפן זייערע סחורות אין הויז פון אַ באַפריינדעטן ראַטמאַן, אָדער אין פּאַלאַץ פון אַ באַקאַנטן פּריץ.

* *
*

דערוויילן האָבן זיך איבער דעם האָריזאָנט פון דער פּוילישער מלוכה ווידער פאַרצויגן שווערע וואָלקנס. שוין אין יאָר 1772 איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון דער דאָזיקער אַמאָל אַזוי מעכטיקער מלוכה, אין דער דרום־זייט פון דער לובלינער וואָיעוודשאַפט איז אויפגעשטעלט געוואָרן די עסטרייכישע גרענעץ.

די דאָזיקע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע — נאָך וועלכער עס האָבן געזאָלט קומען נאָך ערגערע — האָט געבראַכט אַ טייל פון די הערשנדע קלאַסן צו אַ ישוב־הדעת, און יעצט האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צוריק אויפצושטעלן אין דער מלוכה די אָרדנונג און צו פאַרהיילן די ווונדן פון דער לאַנג־יעריקער אַנאַרכיע. צווישן אַנדערע זאַכן האָט מען אויך געטראַכט וועגן דעם אויפהויבן דעם צושטאַנד פון די שטעט, און מען האָט געשאַפן אין וואַרשע „די קאָמיסיע פון גוטער אָרדנונג" (באָני אָרדיניס), וועלכע האָט זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיטן ווידער געזונט־מאַכן די פאַרהעלטענישן אין שטאָטישן לעבן. פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע איז אויך געקומען דער אַלטער לובלינער סיכסוך וועגן האַנדל, און עס זענען ווידער אַרויסגעפּאָרן קיין וואַרשע די דעלעגאַטן פון די לובלינער בירגער און פון דער לובלינער יידישער קהילה און זיך באַמיט דורך די אַלטע אויספּרובירטע מיטלען, ד. ה., געלט און גוטע ווערטער, פּראָטעקציע און השתדלות פון גרויסע לייט דורכצופירן זייער רעכט. דערווייל אָבער האָט זיך דער יידישער האַנדל געהויבן און איז געפאַלן אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער קאָניונקטור און אויך פון דער שטימונג פון דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט. אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט האָט מען אויך אין לובלין אַמאָל געלאָזט דעם יידישן סוחר זיך רויק באַשעפטיקן מיט זיין האַנדל, און אַמאָל ווידער האָט מען זיך געכאַפּט און אים ווידער פאַרבאָטן איינגאַנצן יעדע

האַנדלס-טעטיקייט און אים אַליין אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט.

זייער שטאַרק האָט אויפגעפלאַקערט דער יידן-האַס אין יאָר 1780. דער „פשוטער מענטש" איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַלע קעניגלעכע דעקרעטן בלייבן נאָר אויפן פּאַפּיר און האָט באַשלאָסן זיך דאָס מאָל שוין אַליין צו העלפן.

דריי פּערזאָן — אַ טריומוויראַט — זענען אויסגעוויילט געוואָרן, און זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאַך אויסצופירן. דער געוועזענער שטאָט-פּרעזידענט סטעפּאַנאָווסקי און די ברידער מאַקאַרעוויטש האָבן באַקומען דעם היכן אַמט, און זיי האָט צוגעהאָלפן מיט אַלע כוחות דער ראש פון דער קויפמענישער פאַראייניקונג, דער פריץ הייסלער. די יידן, וואָס אין דער שפּיץ פון זיי זענען געשטאַנען די ראשי-הקהל ר׳ מענדל און ר׳ לייב, די זין פון ר׳ דוד, ר׳ שלמה בן ר׳ ברוך און ר׳ אברהם בן ר׳ מאיר האָבן זיך געפונען אין אַ זייער שווערער לאַגע, דען די קעגנער האָבן דאָס מאָל נישט געוואַרט אויף דעם פּסק דין פון דער קאָמיסיע אין וואַרשע, נאָר האָבן פאַרמאַכט מיט הילף פון מיליטער די יידישע געשעפטן און קאָנפיסקירט די סחורות, פאַרטריבן די יידישע סוחרים פון דער שטאָט און האָבן זאָגאַר אַריינגעדרונגען אין יידישן קוואַרטאַל, כדי דאָרט צו פאַרטיליקן דעם יידישן האַנדל. אַזוי, צ. ב., איז צווישן אַנדערע קאָנפיסקירט און אַוועקגעפירט געוואָרן די סחורה ביי דעם פון אַפּט אָנגעקומענעם סוחר ר׳ פנחס בן ר׳ מענדעל אין לייזער ר׳ אַבישס שענק [1].

די דאָזיקע מעשים פון טריומוויראַט האָט אויפגעבראַכט קעגן אים דעם סטאַראָסטע פון לובלין (און קאַשטעלאַן פון קראָקע), דעם פירשט לובאָמירסקי, ווי אויך דעם געהילף-סטאַראָסטע סוכאָדאָלסקי. דער פירשט לובאָמירסקי האָט זיך געווענדט אין אַ שאַרפן בריוו (אָפּאָלע, דעם 1-טן אַפּריל 1781) צום גענעראַל-פּראָקוראָר פון דעם פּיאַריסטן-אָרדן אין פּוילן פּאַטער אַרצישעווסקי מיט אַ ביטע אָפּצושטעלן די דאָזיקע מעשים און צו מאַכן אַ סוף צו די רויבערייען. נאָך דעם דאָזיקן בריוו האָט דער אונטער-סטאַראָסטאַ סוכאָדאָלסקי — וועלכער האָט ביז אַהער געפּלעגט צו געבן דעם מאַגיסטראַט מיליטערישע הילף — פון יעצט אָן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון [2]. אויך דער פּרעזידענט פון דער

1) דאָרט כתב-יד 116.

2) דאָרט כתב-יד 5, 117.

שטאָט לובלין, קוראָווסקי, האָט איינגעזען, אַז די יידישע רויבערייען האָבן זיך צו-פיל פאַרשטאַרקט און האָט פאַרלאַנגט פון דעם קאָמענדאַנט פונם שלאָס-גאַרניזאָן מיליטערישע הילף איינצושטילן די אומרוען. ער האָט געלאָזט אויסרופן אין שטאָט, אַז ביז צום אָפּשליסן די נייע האַנדלס-קאָנטראַקטן איז די יידן ערלויבט דער פרייער האַנדל אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן. די דאָזיקע פאַראָרדנונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון אויפרעגונג קעגן קוראָווסקין און זיינע מיטהעלפער (פיענאָנזשעק און יעלענסקי). „קוראָווסקי איז אונטערגעקויפט דורך די יידן", האָט מען געשריגן אין אַלע גאַסן, „ער איז דורך די יידן פאַר-שקלאַפט", און באַלד ווערט צונויפגערופן אַ קאָנסולטאַ (באַראַטונג) פון די אָנגעזעענסטע בירגער, ראַטמענער, שעפן און צעכאָווע מייסטערס, וועלכע טראָגן-אַרויס אַ פּראָטעסט קעגן דעם שטאָט-פּרעזידענט און פאַראורטיילן אים צו באַצאָלן 5 דוקאַטן שטראָף [1].

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אין וואַרשע געזעסן דער פאַר-שטייער פון דער קויפמאַנשאַפט אין לובלין, ביאַלאָבזשעסקי, און דאָרט זיך באַראָטן מיט די בעסטע אַדוואָקאַטן און געזוכט פּראָטעקציע. ער האָט געהאַט מיט זיך אַלע פּריווילעגיעס פון דער קויפמאַנשאַפט, און אויסער דעם האָט ער זיך אָנגעפרעגט ביים מאַגיסטראַט אין פויזן, ווי עס זעט דאָרט אויס מיט די דאָרטיקע יידן. די לובלינער יידן זענען געווען פאַרטרעטן דורך ביאַלאָבזשעסקי דעם יינגערן, און אים איז געלונגען צו געווינען פאַר זיך איינעם פון די געריכטס-אַסעסאָרן (דזשעוויעצקי), ווי אויך דעם לובלינער סטאַראָסטע. דער ענין איז פון איין זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ צווייטע. דערווייל האָבןביידע צדדים אויסגעגעבן גרויסע סומעס אויף אַדוואָקאַטן, קאָנפערענצן, רייזעס, דיעטן א. אַז. וו., און האָבן אַזוי-אַרום רויִנירט די פינאַנסן פון דער שטאָט און פון דער יידישער קהלה [2].

די קאָמיסיע „באָני אָרדיניס" האָט נישט געקאָנט דעם סיכסוך פאַרענדיקן, און ערשט ווען עסטרייך האָט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן פאַרנומען דעם דאָזיקן לאַנד-שטח, זענען די יידן, — אַזוי ווי

1) דאָרט כתב-יד 116.

2) דאָרט כתב-יד 117 נ"ר 1. דאָס איז אַ טאָגבוך פון דער דעלעגאַציע קיין וואַרשע פון די קריסטלעכע לובלינער סוחרים.

אין לעמבערג און קראָקע, — אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט און צוזאַמענגעקוועטשט געוואָרן אין דעם יידישן קוואַרטאַל און אין די פאָרשטעט [1]. נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן קנאַפּע 150 יאָר, האָבן די יידן געמוזט אָפּטרעטן און זיך צוריקציען אין דעם זומפּיקן און ענגן געטאָ, ווו זיי האָבן געלעבט אין פינצטערניש און אין שמוץ 70 יאָר. ערשט די רעפאָרמען פון גראַף וויעלאָפּאָלסקי (1862) האָבן צוריק געעפנט פאַר די יידן די פאַרריגלטע טויערן פון שטאָט און די יידן האָבן אַריינגעלאָזט אַביסל לופט און ליכט אין געטאָ אַריין. די יידן זענען ווידער אַריין קיין לובלין, זיך געדונגען געוועלבער און וווינונגען אין דער גראָדסקאַ גאַס און פון דאַנען זיך ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגן אויפן רינג-פּלאַץ (רינעק). פון דאַנען האָבן זיי זיך שנעל פאַרשפּרייט אין מערב און אין דרום-מערב פון דער אַלטשטאָט. נאָר די עטלעכע מזרח-דיקע געסלעך (דער מזרח-טייל פון דער יעזויטן-גאַס. די דאָמיניקאַנער און קלויסטער-גאַס) אַרום די גוואַלדיקע קלויסטער-בנינים פון די יעזויטן (היינטיקע קאַטעדראַל-קירכע) און דאָמיניקאַנער זענען געבליבן ביי די קריסטן. דער איבעריקער פיל גרעסערער טייל פון דער אַלטשטאָט איז אויסשליסלעך באַוווינט פון יידן. די עטלעכע קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער אַלטשטאָט און זיך באַזעצט אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט, ווו עס האָט זיך אַנטוויקלט דער צענטער פון דעם נייעם לובלין און ווו עס געפונען זיך אַלע מלוכה-געביידעס און האָטעלן. דער ייד איז געבליבן אין דער שמוציקער און אומגעזונטער יידן-שטאָט און אין דער טונקעלער אַלטשטאָט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט אַזוי מוטיק אין פאַרלויף פון צוויי הונדערט יאָר.

---

1) באַלאַבאַן: Dzieje Żydów w Galicji, זייטל 23